Ziva thought about all those years she hadn't ever really known him, having grown up in a country so far away from South Africa. But his visit to Israel had given her time to get to know him a little. She was moved by his sadness at the recent loss of her granny, and recurrent depression, but during the times he brightened up, one was amazed at his talent for languages and for communicating with strangers, his sense of humor and his appreciation of small things.

''Those toilets are fantastic!'' Zeida had said, back at the airport. ''For a little country like this, to have such good toilets! In South Africa, the airport is so big. They don't attend to the toilets. But here, there's a little shelf for your bag, and a hook to hang your coat and hat, and there's real soap there, not that stuff you have to squirt. And there are clean tiles everywhere . . .''

It was also with tremendous surprise she discovered a number of his personality idiosyncrasies were hers. It gave her a strong feeling of her **origin** to find that her personality resembled that of her grandfather's, her grandfather having been an unknown entity to her for so long.

★ ★ ★

The 'plane landed, the reunion was happy. Doodoo offered to take them all sight-seeing around Jerusalem anytime at all. He didn't charge for the trip home.

Ziva's grandfather died a year later, but only after having rediscovered some happiness for himself beforehand. He remarried, a woman who had been widowed fifteen years before, and spent the last nine months of his life with a companionship that chased of his depression, and caused him to blossom. He had been a 76 year old man in bloom.

He travelled with his new wife, visiting Ziva's family in Australia, travelling to Israel a last time. But he just wound down and down until he died in his sleep by surprise one night.

The biggest tragedy that struck Ziva on hearing about his death, was that he had taken to his grave without imparting to anyone and especially not to her his vast knowledge of languages accumulated through a lifetime. Born in Russia, Russian was a language he had spoken fluently, up to the day he died, never losing the fluency although he had left Russia as a very young man.

Zeida had also picked up a number of native dialects in South Africa, not to mention his English and of course Yiddish which he spoke to his wife all of their married life. Where he had picked up Portuguese Ziva didn't know, and she was sure that there had been more, so much more . . .

---

## A note of interest to readers

If you have written and published in English, you may fall within the limited categories of the bibliography **Ethnic Writings in English in Australia**, published by the **Adelaide A.L.S. Working Papers, Australian Literary Studies, English Department, University of Adelaide**, of which a 3rd edition is now in preparation.

This bibliography lists writers who are of non-Anglo backgrounds and write English as a second language in Australia. Translated work can only be listed if it was translated by the author or largely so.

Published writings listed are autobiography, drama, novel, short story and collected poetry. Performance is regarded as publication in the case of drama.

Publication details required are as follows: title, publisher or journal (with volume and number), place of publication, date of publication.

Biographical details are also listed with full name, country and date of birth, date of arrival in Australia, education and career. Also sought is information on other literary activities and of awards.

The bibliography reaches major libraries, Australian Literature courses in universities and schools, educational planning institutions and interested individuals.

If your work falls within the categories listed above, send the requested information to the English Department, University of Adelaide, South Australia.

# LETTER TO THE EDITOR

Dear Sir,

My attention has been drawn to your esteemed journal published by the Kadimah in Melbourne and lately to some book reviews. Among them is the one of Benzion Patkin's "The Dunera Refugees". (Melbourne Chronicle No.9 (20) December 1979).

This is the second book by Mr. Patkin following the previous one in which he apparently succeeded in "putting over" Australian Jews that he had been the founder of the Jewish Day School in Melbourne. Apparently, he has had no competitor in collecting and writing the actual reports and historical facts. Uncriticised, he dared, in his "Heritage and Tradition", to write, despite Mr. Oderberg's acknowledgement of my pioneering work in establishing the first modern Jewish Day School in Sydney (the North Bondi Jewish Day School), that "a sub-primary and primary school for many years, (it) later closed down". This slyly infused footnote is a typical figment of Mr. Patkin's mind, as everyone interested in the facts knows that my school developed continually and is today known as "Meriah College" in Sydney.

However, my purpose in this brief note is to shatter the impression in his second publication that he was, as it were, "the champion of the refugees". This is an absolute fraud and falsification of historical facts aimed at taking credit for things in which he had no share whatever. Mr. Warren Usden in the "Jerusalem Past" of December 21st, 1979, has written a devastating review of the book, pointing to the contradiction and depicting it as an altogether disappointing "chronicle". In this connection, I published in the "Jerusalem Post" the following: I was the first professing Jew to be released "on parole" to take up a position at the Central Synagogue in Sydney. The day after my release, I made it my most urgent business to solicit the aid of the various Jewish authorities and, above all, the help of Bishop Pilcher of Sydney, who had expressed a profound desire to solve our problems. As a result of those efforts and my subsequent visit to my fellow internees in Tatura, they were classified, at my suggestion, into four categories, a listing of which we forwarded to the Australian Government. The lists included those desirous of returning to the United Kingdom, those desirous of helping the Australian war effort (later called 'Labour Corps'), and those desirous of migrating to Palestine or to North America. Although I was personally in possession of a non-quota certificate for Eretz Israel, the authorities did allow me to leave Australia. This prompted me, after having secured promises for the first three groups, to press the Zionist Federation to help obtain certificates for the remaining group, albeit a smaller fraction of less than 100. It was at this much later stage that Mr. Patkin, as an official of the Zionist office, made his efforts. Needless to add, Mr. Patkin's attempts to slander me by asserting that "Rabbi Blumenthal misled the Jewish community and the internees by stating that no help would be forthcoming", is belied by all facts.

Only people not conversant with the facts will buy Mr. Patkin's attempted self-glorification about his true share at the end, whilst he had done nothing whatever regarding the release and fate of the great majority of the former Dunera internees.

Yours sincerely,
Rabbi Dr. H. E. Blumenthal
Jerusalem

---

## "A Snake came to my water-trough"

### (D. H. Lawrence)

Anne Parratt

Long damp grass observes the subtle timber
  lengthened strips of shadow
    entangled bars of light
      we are the zebra at the waterhole
      our coats are striped.

Unpacked dead not yet firewood
  and locked gate forever closed
    all good to be behind
      or else to be hyenas snuffling
      at the base of the rondaval.

Soft shapeless night
screening
  the tawny surfaces
      Cain is prowling in the jungle
      to feed upon his neighbour's wife.

In communication
the smell of blood from the fresh kill
is the signal
each predator not brave enough
to do the deed himself
plunders another shadow
while nipping the heel of hell.

---

## Altitude

Anne Parratt

In the plumes of the pampas grass
roots are invisible
and the waste
  which nurtured her unseen,
  unseeing save through
  her elevated eyes

but I
headless on the low ground
coiling comfortably
shifting stomach sunken into
the prickles and slow-breathing
  watch
  the moving of the mulch heap
  feathering the sky.

# דער דערציִאונגס־קריזיס און טראַדיציע

(סוף פון זייט 7)

מען פון די קינדער האָבן אויפגעהערט צו זיין משפחה־היימען וואָס זאָלן זאָרגן פאַר זייער קינדס גייסטיקער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג; זיי ווילן נישט קאָאָפּערירן מיט דער שול און זיי קומען זעלטן ווען די שול פאַרבעט זיי, כדי צו באַראָטן זיך וועגן זייער קינד און זיינע פּראָבלעמען.

ווי ביי יעדן קריזיס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַזוי אויך ביי דעם דערציִאונגס־קריזיס האָט זיך אָנגעהויבן אַן עפנטלעכע דעבאַטע מיט קאָנפערענצן, סימפּאָזיומס און דיאַלאָגן. און עס קומען מענטשן, עקספּערטן און אַזוי זיך מענטשן מיט זייערע עצות און סגולות. און מערקווירדיק; פון צווישן די אַלע סגולות ווערט אויפן אויבן־אָן אַרויס־גערוקט די אַלט באַקאַנטע סגולה — „צוריק אין שול אַריין, נאָר די אַלטע טראַדיציע קען ראַטעווען דאָס יידישע קינד, די יידישע דערציִאונג און יידישקייט בכלל".

דער הויפּט־דערציִאונגס־ציל דאַרף זיין די תורה און די דערציִאונגס־מיטלען — די רעליגיעזע טראַדיציעס — אַזוי האַלטן די בעלי־טראַדיציע, פאַררופנדיק זיך דערביי אויפן יידישן עבר, ווען אַזאַ מין צוגאַנג און קאָנצעפּציע וועגן יידישער דערציִאונג איז געווען אָנגענומען און ווירקעוודיק.

ווילט זיך פרעגן אָט די אַלע בעלי־טראַדיציע: צי איז דאָס מעגלעך ביי די היינטיקע באַדינגונגען פון יידישן לעבן, ווען יידן, מער פון אַנדערע פעלקער, דערווייטערן זיך פון רעליגיעזן לעבן און די שיינע דעקאָראַטיווע טעמפּלען פוסטעווען; ווען פון אַלע טראַדיציעס איז מען געבליבן בלויז ביי־איינער — ביים פּראַווען בר־מצווה, וואָס מען האָט אויך פאַרוואַנדלט (אין אַמעריקע) אין אַ ספּעקטאַקל — צי איז טאַקע מעגלעך ביי די דאָזיקע באַדינגונגען אומצוקערן זיך צו דער אַלטער יידישקייט? אומקערן זיך צו יידישקייט מיט אַלע אירע טראַדיציעס איז דאָך נישט אַזאַ פּשוטע זאַך, ווי איבערציִען זיך אין אַ צווייטער דירה, עס מוז דאָך זיין פאַרבונדן מיט אַ רע־ליגיעזן ווידערגעבורט, מיט אַן אינערלעך־רעליגיעזן דראַנג און בענקשאַפט. איז אונדזער היינטיקע „גאָטלאָזע" צייט צוגעפּאַסט און גרייט פאַר אַזאַ רעליגיעזן רענעסאַנס, בפרט נאָך אומצוקערן זיך צו דער אַלטער יידישקייט?

און נאָך עפּעס: איז טאַקע אַלץ פון דער אַלטער יידישקייט גוט? צי קען טאַקע די אַלטע יידישקייט — אַזוי ווי זי איז, זיין היינט דער יסוד פון אונדזער דערציִאונגס־אידייע, דער נאָרמאַטיוו פאַר אונדזער אינדיווידועלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

וואָס איז געווען דער יסוד פון דער אַלטער יידישקייט? זי האָט טיף געגלויבט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַן אויס־דערווילט פאָלק, וואָס דאַרף פאַרשפּרייטן דעם אמת און גאָטס וואָרט אין דער וועלט צווישן פעלקער; אַז דער ייד דאַרף שטיל און רואיק איבערטראָגן זיינע ליידן, ווייל זיי זענען דער וועג וואָס פירט צו דער גאולה און אַז די יידישע דערלייזונג וועט קומען דורך משיחן; אַז די וועלט איז נישט מער ווי אַ פּרוזדור, אַ פאָדערהויז לטרקלין, צו יענער וועלט וואָס איז דער פּאַלאַץ. לויט דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע האָט זיך פאָרמירט און געשטאַלטעט דאָס יידישע לעבן, דער גאַנצער לעבנס־שטייגער, די וואָכן־טעג און די יום־טובים; די דאָזיקע אידעאָלאָגיע איז אויך געווען דער יסוד פון דער טראַדיציאָנעלער דערציִאונגס־אידייע.

קענען אָדער מעגן לערער וואָס זענען אַליין נישט רעליגיעזע דערציִען קינדער פון עלטערן וואָס זענען אויך נישט רעליגיעזע מיט אַזאַ אידעאָלאָגיע? וואָלט דאָס נישט געווען די גרעסטע פאַרשוועכונג פון דער אידייע גופא? וואָלט דאָס נישט געווען אין דער שאַרפסטער סתירה מיטן פונדאַמענטאַלן דערציִאונגס־פּרינציפּ, וואָס פּאָסטולירט אויפריכטיקייט און ערלעכקייט אין די באַציִונגען צווישן לערער און קינד?

ווי אַזוי זעט אויס די דערציִאונג אין אונדזערע וועלט־לעכע שולן, וואָס זענען אירע דערציִאונגס־צילן? די דערציִאונג אין אונדזערע שולן איז אַ נאַציאָנאַלע און הומאַניש־עטישע. ביידע מאָמענטן זענען ענג פאַרבונדן צווישן זיך, די עטישע דערציִאונג וואַקסט אין א גרויסער מאָס אַרויס פון דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, פון דער יידישער געשיכטע און סאָציאָלאָגיע. נאַציאָנאַלע ליטע־ראַטור און געשיכטע איז נישט נאָר אַ געביט פון פאָלקס־וויסן און יידן־דערקענטעניש, נאָר אויך פון מענטש־דער־קענטענישן און וויסן.

---

גרענעצן די הילף בעיקר צו די עמיגראַנטן, וועלכע האָבן נאָענטע קרובים אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

„מיר סימפּאַטיזירן מיט דער שטרעבונג פון ישראל צו פאַרגרעסערן איר באַפעלקערונג און צו געבן אַ היים פאַר די סאָוויעטישע יידן", האָט די נאַציאָנאַלע עקזע־קוטיווע דערקלערט.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון אַרבעטער־רינג האָט פעסטגעשטעלט, אַז „די נייע פאָרשלאַגן וועלן דעמאָראַ־ליזירן די יעניקע צווישן די סאָוויעטישע יידן, וואָס וואַרטן צו באַקומען ארויספאָר־וויזעס; די פאָרשלאַגן וועלן פאַר־שטאַרקן די לאַגע פון די סאָוויעטישע אונטערדריקערס, וועלכע טרעטן ארויס מיט דער טעזע, אַז די סאָוויעטישע יידן זענען אַ שפּילצייג אין די הענט פון ישראל און פון אויסלענדישע יידישע געמיינדעס".

„דאָס אָפּוואַרפן די נייע פאָרשלאַגן דורך דער גענע־ראַל־פאַרזאַמלונג און דורך דעם ראַט פון יידישע פעדע־ראַציעס, וואָלט געוואָרן אויפגענומען דורך די סאָוויעטישע יידן ווי אַ דערמוטיקונג פון יידן אין דער פרייער וועלט — אַז זיי וועלן ווערן אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין ישראל און אין אַנדערע לענדער, וווהין זיי ווילן פאָרן".

# אַ בריוו אין רעדאַקציע

חשובער רעדאַקטאָר,

כ'וועל זייער דאַנקבאַר זיין דעם חשובן שרייבער י. אָרבאַך, דעם מחבר פון אַרטיקל „איך האָב נישט גע־וואָלט איינגעמען...", (געדרוקט אין אַפּריל־מאַי נומער פון אייער זשורנאַל) אויב ער וועט זיך נעמען די מי און אויפקלערן אייערע לייענער (און מיר בתוכם) די היס־טאָרישע מקורות, אויף וועלכע ער שטיצט זיך, ווען ער שרייבט צו קאַראַימישע אָפּשטאַמונג פאַר די 2 גרויסע פוילישע פּערזענלעכקייטן: דעם גרויסן דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש און פּאָליטישן פירער יוזעף פּילסודסקי.

ס'איז מיר באַקאַנט, אַז געוויסע היסטאָריקער (דוב־נאָוו) ווי אויך „די ענציקלאָפּעדיע יודאַיקאַ" באַמערקן, אַז פון מוטערס צד, זאָל מיצקעוויטש אָפּשטאַמען פון דער משומדים סעקטע — באַוווּסט אַלס פראַנקיסטן (לויטן נאָמען פון זייער פאַרטעטערישן פירער יעקב פראַנק).

אַז פּילסודסקי זאָל אָבער האָבן עפּעס א שייכות מיט קאַראַימער — האָב איך ביז איצט אין ערגעץ נישט געזען.

דרך אגב וויל איך דאָ באַמערקן, אַז גאַנץ אָפט באַציִען זיך אונדזערע זשורנאַליסטן און „קאָלום" שריי־בערס מיט גרויס גלייכגילטיקייט צו היסטאָרישע פאַקטן — אַ פּועל יוצא פון נישט גענוג קאָנטראָלירן זייער מאַטעריאַל און דאָס איז זייער שעדלעך און פאַרפירעריש.

מיט אַכטונג

ה. סגל

## אויפקלערונג פון רעדאַקציע

ליבער פריינד סעגאַל!

מיר דאַנקען אייך פאַר אייער צוגעשיקטן בריוו. דאָס גיט אונדז די מעגלעכקייט אויפצוקלערן אונדזערע לייענער, אייער ריכטיקע פראַגע, וועלכע קאָן אויך באַ־טראַכט ווערן פון אַן אַנדער פּערספּעקטיוו.

פר' אָרבאַכס אַרטיקל איז נישט קיין וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן קאַראַימער און וועגן די פּערזענלעכ־קייטן — ליטעראַרישע אָדער פּאָליטישע — וועלכע שטאַמען פון דער דאָזיקער סעקטע.

פר' אָרבאַכס אַרבעט, דאָס זענען זכרונות פון יענע טראַגישע יאָרן, ווען יידן האָבן געזוכט אַלע מיטלען אָפּצונאַרן דעם דייטש — כדי צו בלייבן לעבן. ספּעציעל אין ווייסרוסלאַנד (און פר' אָרבאַך איז אַרויס פון גראָד־נער געטאָ) האָבן געוווינט אַ גרעסערע צאָל קאַראַימער, וועלכע די נאַציס האָבן קוואַליפיצירט ווי לעגיטימע ביר־גער. אַדאַנק די פאַלשע קאַראַימער פּאַפּירן, איז א צאָל יידן זיך געלונגען צו ראַטעווען.

אָבער נישט נאָר די נאַציס האָבן געזוכט אומצוברענ־גען יידן. אויך די פוילישע נאַציאָנאַליסטן און זייערע מיליטערישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — די אַ. קאַ. האָט אומברחמנותדיק געמאָרדעט יידן.

אויב פר' אָרבאַך האָט זיך דורכגעשמוגלט ביי די דייטשן, האָט אָבער דער פוילישער דאָקטאָר, טאַקע אַליין אַ קאַצעטלער אָבער דאָך א יידן־פיינט, געקאָנט לייכט דערקענען דעם ייד אין פאַרשטעלטן קאַראַימער, און אַרויסגעבן אים צו די דייטשן. מען דאַרף זיך דעריבער נישט וווּנדערן, וואָס פר' אָרבאַך האָט זיך באַנוצט מיט נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע אויסטראַכטונגען וועגן מיצקעוויטשעס און פּילסודסקיס אָפּשטאַמונג, כדי צו מאַכן אַן איינדרוק אויפן פוילישן דאָקטאָר און אַרויס־רופן ביי אים א ביסל רעספּעקט פאַר דער קאַראַימער סעקטע.

מיר נעמען אָן אַז פר' סעגאַל און אויך די אַנדערע לייענער אונדזערע וועלן עס פאַרשטיין אין דעם זין, ווי מיר האָבן עס פאַרשטאַנען, און די דאָזיקע שורות געלאָזט דרוקן.

אויב א קליינע גוזמא האָט געקאָנט ראַטעווען דאָס לעבן פון אַ יידן, וועט אים געוויס די געשיכטע מוחל זיין...

## דערקלערונג פון אַרבעטער־רינג וועגן באַגרענעצן די רעכט פון די סאָוויעטיש־יידישע עמיגראַנטן

דער אַרבעטער־רינג האָט זיך געווענדט צו דער פירערשאַפט פון דער יידישער געמיינדע אין אמעריקע מיט אַ רוף, אַז זי זאָל אָפּוואַרפן דעם פאָרשלאַג צו באַגרענעצן די רעכט פון די סאָוויעטישע יידן, אויב זיי ווילן אויס די פאַראייניקטע שטאַטן ווי דאָס לאַנד פון זייער עמיגראַציע.

אַזאַ פאָרשלאַג, וועגן וועלכן דער ישראל־פּרעמיער, מנחם בעגין, האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די פי־רערס פון אַ צאָל אַמעריקאַנער־יידישע אָרגאַניזאַציעס, האָט פאַר אַ ציל צו שטערן די עמיגראַציע פון יידן פון סאָ־וויטן־פאַרבאַנד מיט ארויספאָר־וויזעס קיין ישראל, אויב זיי ווילן זיך באַזעצן אין אַן אַנדער לאַנד.

אין דער דערקלערונג ווערט געזאָגט: „די סאָוויעטישע יידן דאַרפן האָבן די פרייהייט אויסצוקלויבן דאָס אָרט, ווו זיי ווילן זיך באַזעצן. אַן אַרויספאָר־וויזע פון רוסלאַנד דאַרף נישט זיין אָפּהענגיק פון אַ פאַרזיכערונג, אַז ישראל וועט זיין דאָס אָרט פון באַזעצן זיך; די סאָוויעטישע יידן, וואָס זענען געפאַנגענע פון סאָוויעטישן רעזשים, דאַרפן זיך ניט געפינען אין אַ נייער געפאַנגענשאַפט, וואָס וואָלט גע־ווען פאַרבונדן מיט אַזאַ צוזאָג. די עמיגראַנטן באַצאָלן סיי־ווי דער סאָוויעטישער רעגירונג אַ הויכן פּרייז פאַר די ארויספאָר־וויזעס: זיי מוזן אויפגעבן זייער אַרבעט. ווױנונגען, פּענסיעס און אַנדערע זאַכן. די שוועריקייטן, אויף וועלכע ס'טרעפן אָן די עמיגראַנטן, דאַרפן ניט ווערן פאַרפילפאַכט דורך די נייע פאָדערונגען צו די יידישע גע־מיינדעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַז זיי זאָלן פאַר־קלענערן די הילף פאַר די סאָוויעטישע עמיגראַנטן און באַ־

די געוויסע סיבה אָדער אויפגאַבע, וועלכע זיין זיין דאַרף דערפילן? באַפרידיקט זיי נישט דאָס זיין גופא — אַן און פאַר זיך?

איז ניט גענוג דעם פּאָעט צו באַזינגען די שיינקייט פון דער וועלט? איר טרויער און איר בענקשאַפט?

וואָלט אים לייכטער געווען דאָס אַוועקגיין — ווען עמעצער וואָלט אים פון פריערויס פאַרטרויט דעם: צוליב וואָס — ער איז געקומען?

דער באַוווּסטזיין פון דעם צוליב וואָס וואָלט אָרעמער געמאַכט די מענטשלעכע פאַנטאַזיע. עס וואָלט דערמאָרדעט דעם טרוים, די האָפענונג: דאָס ווילן אַנטפּלעקן אומבאַקאַנטע אויסמעסטונגען, דערגרייכן נייע, גייסטיקע הויכן...

אין זיינע געדאַנקען האָט דער פיזישער פּראָצעס פון פאַרגיין, נישט ארויסגערופן קיין רעאַקציע. פאַרגיין. אים האָט באַפרידיקט דער ענטפער, וואָס ער האָט אַנומלט גע־הערט פון אַ דאָקטאָר, אויף אַ פראַגע פון אַן אַלטער פרוי:

— האָסטו עפּעס געשפּירט, ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן? דאָס אייגענע וועסטו פילן, ווען דו וועסט פאַר־לאָזן די וועלט...

ביי זיך האָט ער פונדעסטוועגן אָפּגעמאַכט: צוליב אײן לויטערער, פּאָעטישער שורה, וואָס זאָלן זיין דורכויס קונסט און וועט בלייבן אייביק — האָט געלוינט צו זיין אויף דער וועלט. אויך דאָס שנייעלע האָט זיך באַגייסטערט מיט דער שיינקייט פון באַשאַף — אפילו אין דער קורצער רגע פון צעגיין...

להיפוך צו אַנדערע שרייבער, איז ווינאַווס שטייגער געווען צו לייענען אויך אַנדערע דיכטער. אָ, נישט די פאַרצייטיקע, נאָר דווקא די, וואָס פּרובירן אין דעם אומרו פון דער וועלט ארייַנפּאַסן אַ ליד. און געשען איז, אַז דאָס אויג האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ שורה פון אַ ליד:

„די וועלט האָט זיך באַנייט ווי אַנגעטאָן
אין אַ חופּה־קלייד״.

נו — אַליין ברודערקע האָסטו מיטן חופּה־קלייד ניט מצליח געווען (צו די אַלע זאַכן האָט סימטשיק אַרויסגע־וויזן אינטערעס און געוואַרט, ווינאַוו זאָל זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן) — וועגן דעם האָט ער מיט זיך קיין וויכוח נישט געפירט. נישט איז נישט. מסתמא זיך נישט אַריינגע־פּאַסט אין דער ראַם... אָבער יענער פּאָעט איז דאָס נישט אויסן.

וואָס טליעט אין דער נשמה פון יענעם פּאָעט? עפּעס מוז דאָך ערגעץ ווו זיין אין זיין אונטערבאַוווּסטזיין וואָס האָט אַ שטויס געטאָן די מחשבה, די פעדער — געלאָזן אין גאַנג דעם מעכאַניזם וואָס שאַפט דעם סימבאָל. אין דער רגע האָט ער באַנומען, אַז אייגנטלעך וואָלט ער דאָס געקאָנט ענטפערן דעם רעפּאָרטער סימטשיק:

דער זין פון זיין איז נישט אין שטעלן פראַגן. דער סאַמע קלוגסטער אופן פון פרעגן, ווי קינסטלעריש און האַרמאָניש דאָס צונויפשטעל פון דער פראַגע — וועט סיי ווי נישט ברענגען דעם באַפרידיקנדיקן ענטפער. מען דאַרף וואַרשיינלעך זוכן דעם ענטפער אין זיך — און נישט אין דרויסן.

און דעם פּאָעט ווינאַוו האָט זיך געדוכט, אַז ווען ער וואָלט געקאָנט אַנטאַפּן דעם פונק, וואָס האָט ארויסגערופן צום לעבן די שורה מיטן דיכטערישן חופּה־קלייד, וואָלט ער אפשר געפונען אַ שליסל.

✡

און די פראַגע בלייבט הענגען אין דער לופטן — ווי אַ וואָלקן: מען זעט אים, מען שפּירט זיין אַנוועזנהייט — אָבער אָנטאַפּן קאָן מען אים נישט.

ווינאַוו האָט אין געדאַנק אַ שפּאַן געטאָן צוריק — דורך דורות — דורך קולטורן; ער האָט געזען די פאַר־שריבענע בלעטער, אויף וועלכע דער מענטשלעכער גע־דאַנק ראַנגלט זיך מיט זיין באַשאַפער, און וויל פון אים אַרויסקריגן אַ צייכן, אַן אָנדייט... ס'איז אים אויסגעקומען, אַז ער קוקט אויף אַ הויכן לייטער, אויף וועלכן ס'פאַרמעסט זיך דער מענטשלעכער געדאַנק. ער וויל זיך אַרויפדראַפּען, מאַכט אָנשטרענגונגען; עס דוכט זיך: אָט איז עס אים געלונגען — נאָר אין לעצטן סך־הכל שטייט ער נאָך אַלץ פון אונטן, מיט די פיס אויף דער ערד.

ניט וויסנדיק ווי אַזוי, האָט ער זיך ווידער צוריק־געקערט צו דעם חופּה־קלייד, צום סוד, וועלכן יעדער מענטש ווערט נישט מיד צו אַנטפּלעקן אויף ס'ניי; דעם פּאָעט, וואָס פאַרבינדט עפּעס מיטן חופּה־קלייד און ס'בלייבט פאַרט ניט דערזאָגט — מחמת ער איז ווי ווינאַוו אַליין: אַן אַ באַשייד צו דעם, וואָס פערמענטירט אין אים, אומבאַוווּסטזיניק.

דאָס — וואָס סימטשיק איז מער נישט געזעסן קעגנ־איבער אים, האָט ווינאַוו באַדויערט, דווקא איצט האָט ער אים געוואָלט אַ פרעג טאָן:

— אָט האָט ער דעם שליסל צו דער פראַגע. וואָס וואָלט ער דערמיט געטאָן?

עס איז כדי צו לאָזן פאַלן אַ וואָרט וועגן ווינאַווס אופן פון טראַכטן: אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס פרעגן איז בלויז אַ חנדל; אַז דער מענטש וויל גאָרניט וויסן דעם ענטפער. מעגלעך.

אויף געוויס קאָנען מיר דאָס ניט קאַווירן...

---

## משנה שם...

די פריילאַנד־ליגע פאַר יידישער טעריטאָריאַליסטישער קאָלאָניזאַציע איז אויפגעקומען אין יאָר 1935.

אין נאָמען פון דער ליגע איז דר. שטיינבערג געקומען קיין אויסטראַליע (ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה) מיטן פּראָיעקט צו קאָלאָניזירן יידן אין קימבערליי.

אַצינד ווערן מיר געוווּיר, אַז די פריילאַנד־ליגע האָט געענדערט איר נאָמען אויף יידיש־ליגע.

דער אָרגאַן פון דער ליגע וועט ווייטער זיין „אויפן שוועל״.

מיר לייקענען — סימטשיק האָט זיך געשניטן אויף אַ סך זאַכן. מיטאַמאָל האָט זיך אים געדוכט — אַז אַ פּאָעטי־שער פייער האָט זיך אין אים צעפלאַקערט, ווי אַ שייטער. נאָר דער רעדאַקטאָר האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן עמער וואַסער. ווידער האָט ער געמיינט — אַז אָט—ער האָט דערפונדן אַ נייעם יידישן וואָרט (עס איז געווען דער יאָר־צענדליק פון די ווערטער דערפינדונגען...) און מיט דעם אָ־וואָרט, וועט ער אריינשפּאַנען אין דער אייביקייט. פאַרפליגלט — ווער האָט שוין פאַר אים באַנוצט דאָס וואָרט? קיינער. איז אָט — ער האָט דאָס וואָרט. נאַטיר־לעך — ער האָט נישט געקאָנט, ווי אַרכימעדעס ארויס־לויפן אַ נאַקעטער אין דרויסן און שרייען: עורעקאַ! איך האָב געפונען! פשוט דערפאַר, ווייל ער האָט די דערפינ־דונג נישט געמאַכט אין דער וואַנע...

דער קאַלטער גזלן, דער ראַדאַקטאָר האָט אים אַ פרעג געטאָן, זייטיק אַזוי ווו ער איז געווען ערב יום כיפּור, אָט יענעם ערב יום כיפּור, ווען יידן שלאָגן כפּרות, און דע־מאָלט טאַקע נויטיקן זיי זיך אין עפּעס, וואָס איז פאַר־פליגלט...

סימטשיק האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט איבערגעשאַצט זיינע כוחות. נאָך דעם אַלעם — בלייבט אַ רעטעניש: פאַר־וואָס האָט סימטשיק דווקא געקלעפּט צום „פּראָמעטעאוס”? דאָס נעמען מיר זיך נישט אונטער צו פאַרענטפערן, ווייל אפילו סימטשיק אליין האָט נישט געוווּסט די סיבה דערפון.

ווינאָוו האָט ניט געהערט צו די גרויסהאַלטער, וועלכער וועט מיט אַ סנאָבישער פאַרריסנקייט זאָגן, אַז די וואָך איז ער שוין פאַרנומען; אַז אין דער צווייטער וואָך האָט ער בלויז איין שעה פריי, און ער מוז די שעה ערשט אויסגע־פינען פון זיין סעקרעטאַרין. ניין. — ווינאָוו האָט נישט געהערט צו די לייט. אַ מענטש קלינגט אָן, וויל כאַפּן אַ שמועס — וואַליי גוטער ברודער.

און אָט איז סימטשיק געזעסן קעגנאיבער דעם פּאָעט ווינאָוו, מיט דעם פאַרשניצטן בלייפעדער; ווינאָוו מיט זיין געטראַנק פאַר וועלכן סימטשיק האָט אַגב באַקומען אַ לויב, צוליב זיין קענטעניש און גוטן געשמאַק.

דערווייל האָט סימטשיק געשפּונען זייער קאָמפּלי־צירטע פּלענער, ווי אַזוי — איינמאָל פאַר אַלעמאָל — צו איבערראַשן זיין רעדאַקטאָר.

פון וואָס האָט דעמאָלט געטראַכט ווינאָוו?

ווינאָוו האָט געטראַכט, אַז די פראַנצויזן זענען געניטע ממזרים און פּראָדוצירן אַ ביז גאָר פיינעם קאָניאַק, און אַז דער רעפּאָרטער סימטשיק איז נאָך אַלעמען — גאָר ניט אַזאַ ליטעראַרישער שלימזל — ווי לייט דערציילן וועגן אים.

פאַרצויגן האָט זיך דער געשפּרעך וועגן ליטעראַטור און וועגן לעבן און וועגן נאָך עפּעס. דאָס זענען געווען די פּינטעלעך, וועלכע סימטשיק האָט געוואָלט, אַז דער פּאָעט אליין זאָל וועגן זיי דערציילן. ווינאָוו ווידער האָט געהאַלטן, אַז פאַרשווייגן איז געזונטער, ווי זיך צו פאַררעדן, איבער־הויפּט, ווען ער האָט ניט קיין געהויבענע מיינונג וועגן די, וואָס פירן דאָ דאָס ליטעראַרישע רעדל.

סימטשיק האָט סוף־כל־סוף פּאָרט געוואָלט אריין אין דער ליטעראַטור מיט אַ שטורעם, מיט דונערן און בליצן — דורך פאַרענטפערן כאָטש איינע פון די ניט־פאַר־ענטפערטע פראַגעס. צוערשט האָט ער געוואָלט פרעגן ווי־נאָוון וועגן דעם, ווער ס'איז געווען פריער — די הון צי דאָס איי? נאָר אפילו סימטשיק האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ פראַגע קאָן מען דעם פּאָעט ווינאָוו נישט פרעגן. סוף־כל־סוף איז ווינאָוו אַ פּאָעט און ניט קיין פאַרמער...

נו — וואָס־זשע האָט ער אים פּאָרט געפרעגט?

און ער באַשרייבט אַזוי דעם אינטערוויו:

„ווען איך האָב דעם דיכטער ווינאָוו געטאָן אַ פרעג: — וואָס איז אייגנטלעך דער זין פון זיין; דער זין פון מענטשלעכן לעבן? פון דער מינוט ווען ער ווערט געבוירן, איז ער דאָך שוין לכתחילה אַ פאַרמשפּטער.

איז וואָס־זשע: האָט דער מענטש עפּעס אַ שליחות צו דערפילן — פון פונקט אַ ביזן פונקט — ב? נו — לאָמיר זאָגן: די בין האָט אַ שליחות — צו מאַכן האָניק; די קו פּראָדוצירט מילך — אַ באַשטימטע, באַגרענעצטע — דער־פאַר אָבער — אַ קאָנקרעטע אויפגאַבע. אָבער דער מענטש? ווי אַזוי פאַרשטייט למשל ווינאָוו — זיין זין פון לעבן?

„דער פּאָעט ווינאָוו — שרייבט ווייטער סימטשיק — האָט געטאָן אַ קוק אויף מיר מיט מילדע אויגן — א קוק אין זיין גלאָז — ווי ער וואָלט זיך געישובט: איבערלאָזן — אָדער אויסטרינקען? ער האָט אָוועקגעשטעלט דאָס גלאָז אויפן ראַנד פון פאָטעל מיט דער זיכערקייט — אַז ס'וועט נישט פאַרלוירן גיין; איז צוגעגאַנגען צום שרייבטיש, גענומען אין האַנט אַ בוך, אַ מיש געטאָן די זייטן אַהין און צוריק, האָט ער גענומען פאַרלייענען:

## „דאָס שנייעלע”

„אין די דאָזיקע לעצטע מינוטן, האָבן זיך אירע גע־דאַנקען אומגעקערט צו די טעג, ווען זי איז געווען יונג, און צו דער פראַגע, וואָס איז קיינמאָל ניט פאַרענטפערט געוואָרן: פאַרוואָס? וואָס איז געווען דער זין פון דעם אַלעם? און דאָס וויכטיקסטע: ווער? פאַר וועלכן צוועק איז זי געבוירן, און אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער ערד — צו זיין לוסטיק און אומעטיק; צו האָבן מאָמענטן פון גליק און מאָמענטן פון אומעט. צו פאַרגיין איז גאָרנישט. צו־געצויגן ווערן צו דעם בוזעם פון דער זון, און פאַלן צו דער אויבערפלאַך פון ענדלאָזן אָקעאַן.

אויף אַן אמת. דאָס מיסטעריעזע דערפון זעט אויס גרעסער, ווי ווען ניט איז — און זינלאָז, ווו איז די לאָגיק? די נאַטירלעכע שיינקייט אין געבוירן צו ווערן און דאָך שטאַרבן, צו לעבן און צום סוף גיין לאיבוד?”

נאָכער האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן, זיך פאַרטראַכט און אַ פרעג געטאָן: ווייסט איר ווער ס'האָט עס געשריבן? — אַן ענגלישער שרייבער מיטן נאָמען גאַליקאָ...

★

ווען ווינאָוו איז סוף־כל־סוף געבליבן מיט זיך אליין, האָט ער אַ טראַכט געטאָן: צו וואָס קאָן נוצן דעם מענטשן

ניט זיין טאַרבע, נאָר איין זאַך איז געווען, וואָס עס האָט דערפרייט אונדזערע הערצער. זיינע אויגן, ס'האָט פון זיי אַרויסגעקוקט אַ טרויער, ניט סתם פון עפּעס אַן אומגליק, נאָר אַ ייִדישער טרויער.. קינדער, ער איז אַ ייִד! האָב איך אַ געשריי געטאָן. קומט קינדער — לאָמיר צו גיין צו אים!

מיר האָבן זיך אַלע אַ ריס געטאָן פון אָרט, איך בין צו נאָענט צו אים און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, אַזוי, אַז טרערן האָבן ביי מיר אַרויסגעשפּאַרט. ער האָט געגעבן אַ שמייכל און געזאָגט: עמך? יע! האָבן מיר אַלע פינף אויסגעשריען אין כאָר. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיין קולע, אַרונטערגענומען די טאָרבע פון זיין זיין פּלייצע און אַ ראָזקייט האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים. ווי א מלאך פון הימל האָט ער אויסגעזען אין אונדזערע אויגן. מיר האָבן זיך אַלע באַזעצט אין אַ ווינקל פון וואָקזאַל און מיר האָבן אויסגעגאָסן פאַר אים אונדזערע הערצער. מיר האָבן גערעדט ייִדיש, און ער האָט גערעדט ייִדיש, געמישט מיט רוסיש, ער האָט אונדז געטרייסט, געקוקט אויף אונדז ווי אויף צוריק געפונענע שוועסטער, זיינע רייד האָבן אונדז געגלעט און געהיילט ווי גוטער באַלזאַם אויף אָפענע ווונדן...

# דער זין — פון זיין...

מ. אייזענבוד

דערציילונג

דער פּאָעט ווינאָוו — אַזוי האָט דער רעפּאָרטער אָנגעהויבן די באַשרייבונג פון זייער באַגעגעניש — דער פּאָעט ווינאָוו איז געזעסן קעגן איבער מיר. ער האָט געהאַלטן אַ גלאָז אין האַנט. איך — אַ בלייפעדער. ער האָט געטרונקען קאָניאַק. איך? — איך האָב געטרונקען דעם אַראָמאַט פון זיינע רייד.

ווער זשע איז ווינאָוו? דער רעפּאָרטער האָט דווקא געהאַט אַ באַדערפעניש צו לאָזן וויסן דער וועלט אַלץ — וואָס ער ווייס וועגן פּאָעט. נאָר עפּעס אין אים האָט זיך קעגנגעשטעלט, ווייל דאָס וועט זיין אַ גרינגשעצונג פון דער אינטעליגענץ פון לייענער.

דער רעפּאָרטער פון ליטעראַרישן זשורנאַל „פּראָמעטעאוס" האָט באַקומען אַ ווונק, נישט מער ווי אַ ווונק פון זיין רעדאַקטאָר, ער זאָל זיך אַראָפּכאַפּן, ניין — אַרונטערכאַפּן — ניין אפילו נישט דאָס אויך. ער זאָל מיט די שטיוול אַריינקריכן אין ווינאָווס נשמה און אַרויסקומען מיט עפּעס, וואָס זאָל די ליטעראַרישע פיינשמעקער, די דילעטאַנטן איבערראַשן.

דער רעפּאָרטער האָט אַ קוק געטאָן אונטערן טיש. ער האָט געטראָגן ווייכע, געמזענע לאַטשן.

ווינאָוו האָט פון דעם אַלעם נישט געוווסט. ער איז אָנגעקומען אין דער מעטראָפּאָליע אויף די פליגלען פון זיין טרוים. די וועלט־שטאָט. ער האָט שוין פון לאַנג געוווסט, אַז אין דער מעטראָפּאָליע זענען דאָ כוחות, אויסער די איינגעשפּאַרטע עמיגראַציע באַאַמטע, וועלכע פאַרלאַנגען אַ מעטריקע, (וועלכע ער האָט נישט) אַ געזונטהייטס־באַשטעטיקונג; אַ דורכלויכטונג פון די לונגען — כוחות וואָס וועלן זיך פאַרלייגן אים, ווינאָוון איינשפּאַנען אין עפּעס אַ ליטעראַרישן וואָגן: אָנטאָן אַ ליטעראַרישן כאָמוט — ווייל ווי קאָן מען איינשפּאַנען אַ פערד אין אַ וואָגן אָן אַ כאָמוט?

אין ווינאָווס הימאָרט האָט אַ יעדער פויער פאַרשטאַנען די חכמה פון איינשפּאַנען אַ פערד אין אַ וואָגן. אויך אין דער מעטראָפּאָליע האָבן זיי געוווסט, וואָס זיי ווילן, נאָר מאַכן עס — האָבן זיי נישט געקאָנט — אַלנפאַלס — נישט מיט ווינאָוון. דער דאָזיקער פרייער גייסט האָט זיך נישט געלאָזן צוימען.

דאָס אַלץ האָט שוין דער רעפּאָרטער געוווסט, ווייל ווינאָוו איז נישט געווען קיין מענטש פון סודות, און זיך נישט געמאַכט קיין סוד פון די, אָדער פון דעם — וואָס איז אים נישט צום האַרצן.

דער רעפּאָרטער האָט מיטגענומען אַ פלעשל קאָניאַק. אויף יעדנפאַלס. עס האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אַז ווינאָוו — ווי עס פּאַסט פאַר אַ רוסישן מענטשן — האַלט אין פאַרטרינקען דעם וואָרעם וואָס נאָגט אים, ווינאָוו האָט עס נישט אָפּגעלייקנט. מאָדנע מענטשן — האָט ער געטראַכט — צו וואָס דאַרפן זיי אַ מאָראַלישע פאַרענטפערונג צו טאָן עפּעס, פון וואָס אַ מענטש האָט פאַרגעניגן?

אַ גלעזל קאָניאַק, אָדער וויסקי, אָדער: כ'ווייס וואָס פאַראַ געטראַנק וואָס טוט אַ ברי אינעווייניק, טוט אַ רודער מיט די געהירן — טאָ צו וואָס איז נאָך נויטיק די פאַרענטפערונג וועגן וואָרעם? סיידן מענטשן זוכן אַרויסצורופן מיטלייד, רחמנות...

מען דאַרף פאַרשטיין, אַז דאָס וואָס ווינאָוו טראַכט, האָט דער רעפּאָרטער נישט געוווסט. אַניט — צו וואָס איז ער געגאַנגען נאָך אַן אינטערוויו, און זיך באַוואָפנט מיט אַ פלעשל קאָניאַק דערצו. מען קאָן נישט פאַרבייגיין אַזאַ ענין, און נישט פאַרצייכענען וואָס אַ שטייגער דער רעפּאָרטער האָט געטראַכט. און געטראַכט האָט ער, אַז ער וואָלט מוחל געווען דעם אינטערוויו, דאָס פאַרבינדן זיין נאָמען מיט נאָמען פון אַ כמעט באַרימטן פּאָעט — ווען ער אליין וואָלט געקאָנט הנאה האָבן פון דעם קאָניאַק...

ניט געקוקט אויף די אַלע קלעצער, וואָס מ'האָט געלייגט אין וועג — איז דער פּאָעט ווינאָוו פאָרט אָנגעקומען אין דער מעטראָפּאָליע, און דער „פּראָמעטעאוס" האָט געהאַלטן, אַז ס'איז פאַרן ווויל פון דער ליטעראַרישער משפּחה, צו האָבן אַ שמועס מיטן פּאָעט. דער רעדאַקטאָר האָט געהאַט זיין חשבון. דער רעפּאָרטער — וואָס אַן אמת — האָט געהאַט אויך זיין חשבון. ניט מער — ווען מען וואָלט די חשבונות פאַרגלאָכן — וואָלט זיי נישט געשטימט.

עס וועט דאָך ניט שאַדן צו וואַרפן אַ שטיקל שיין אויפן כאַראַקטער — אויב נישט פון פּאָעט ווינאָוו — איז לכל־הפּחות אויפן כאַראַקטער פון רעפּאָרטער סימטשיק. געשיטן האָט זיך סימטשיק אויף אַ פּאָעט. הלמאי זאָלן

אויף די פּלייצעס; די ווייבער פאַרוויקלט מיט פאַטשיילקעס; מיט שטריק אַרום די לענדן, שוין באַצייטנס פאַרברענטע פון זון און פאַרפינצטערט. זייערע אויגן האָבן גיריק געקוקט, עפּעס האָבן זיי דאָ געזוכט אין דעם ווייטן און פרעמדן לאַנד. געשטופּט איינע די אַנדערע. גערעדט גראָבע און האַמעטנע רייד. דאָס וואָרט „כלעב" (ברויט) האָבן זיי נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל. קינדער פון ווייטע רו־סישע געגנטן, מיט ערנסטע פּנימלעך, פאַרזאָרגטע ניט אויפן קינדערישן שטייגער, מיט רייד וועלכע האָבן ניט אַריינגעפּאַסט אין זייערע קינדערשע מיילער. „פאַמאַטע־ריס" האָבן זיך געשאָטן ווי אַרבעס פון אַ זאַק. אַנדערע זענען געזעסן אין מיטן וואָקזאַל אויף דער ערד מיט צע־לייגטע שמאַטקעלעך אויף די קני און זייער באַזאַכט, מיט מאָדנער רואיקייט געגעסן דאָס גראָבע שוואַרצע ברויט מיט פּיצעלעך חזיר־פעטס; געקייט געשמאַק מיט געזונטע ציינער; זיך דורכגעוואָרפן מיט רייד, דערציילט זיך גרוי־ליקע מעשיות ווי מען דערציילט אַ וויץ ביי אַ געמיטלעכן טיש... פּוילישע אָפיצערן מיט געפּוצטע שטיוול, מיט היט־לען מיט שפּיצן האָבן מאָדנע און קאָמיש געגלאַנצט מיט אַ ניט דאַאיקער זויבערקייט. עפּעס האָבן זיי זיך דאָ ניט אַריינגעפּאַסט אין דעם וואָקזאַלנעם עפּוש. צווישן דעם המון פון שלעפער, הונגעריקע און אָפּגעריסענע קינדער.

זיי האָבן געשפּרייזט, די אויסגעפּוצטע פּוילישע אָפי־צערן, איבערן גאַנצן המון, ווי איבער אַ בלאָטע, און גע־קוקט מיט איבל און עקל אויף די אַרומיקע. און די רו־סישע סאָלדאַטן מיטן רוסישן ציווילן עולם האָבן זיי באַ־טראַכט מיט וווּנדער. זיך פונאַנדערגערוקט, געמאַכט פאַר זיי ווי מען זאָגט — אַ וואָרע, און גוטמוטיק געשפּאַסט פון זיי, ווי פון קינדער וועלכע מאַכן זיך נאַריש...

די לופט איז געווען געדיכט מיטן רויך פון מאַכאָרקע, אַז ס'האָט געריסן און געקרעלט אין האַלדז. און מיר, די טעכטער פון דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, פרעמדע און אויסגעריסענע פון יעדן ווינקל פון דער ערד, פאַריתומטע און עלנטע האָבן זיך צוגעזעצט אין אַ ווינקעלע הונגע־ריקע, פאַרשמאַכטע, צעשראָקענע, און באַטראַכט די גויאי־שע וועלט מיט פינצטערער מורא... דער הונגער האָט אונדז געפּלאָגט און מיר האָבן ניט געוווּסט וואָס צו טאָן, ניט געוווּסט וווּ צו גיין. מיר האָבן אונדזער יידישקייט ניט קענט באַהאַלטן. אונדזערע האָר זענען געווען ניט געוויינ־לעך קורץ און אונדזערע פּנימער האָבן אויסגעזאָגט דעם גאַנצן סוד פאַר יעדן פאַרבייגייער, אַז מיר זענען יידן.

ס'איז אמת, היטלער ימח שמו וזכרו האָט געקראָגן אַ וויסטע מפּלה. דייטשלאַנד איז שוין געלעגן צעטראָטן און באַשפּיגן מיט בלוט; צעטראָטן איז איר ערד פון פרעמדע פיס; צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר דער גאַנצער וועלט. אירע טעכטער — פאַרגוואַלטיקט, אירע זין — צעשאָסן; איר האָב און גוטס — סיי אייגענע, סיי אָנגערויבטע פון דער גאַנצער וועלט — וואַלגערט זיך איבער וועגן און שטעגן.

אין ווייטע לענדער איבער ימים, פרייט מען זיך מיט איר מפּלה, און ס'זעט אויס, אַז די וועלט גייט בייטן איר פּנים: ברידערלעכקייט און חברישקייט גייט הערשן אויף דער וועלט. ס'זעט אויס, ווי די וועלט איז שוין מיד געוואָרן פון מלחמות; און ס'איז דאָך טאַקע אמת אויך — זי האָט אויסגעזען די וועלט, און דער גאַנצער באַשאַף מיט איר — מיד, זייער מיד...

זי האָט זיך געוואָלט אויסספּוצן און אויסוואַשן פון האַס, ווייל זי האָט געזען צו וואָס האַס האָט דערפירט.

אָבער מיר, מיר יידן זענען אויסער יעדן חשבון. ווו מ'האָט אונדז דערזען, איז דער דינער שלייער פון פריינד־שאַפט גלייך אַרונטערגעפאַלן. דאָס פייערל פון האַס האָט געפינקלט אין יעדנס אויגן... מיר זענען געבליבן אין דער וועלט עלנט און פרעמד, ווי מיר וואָלטן אָקאָרשט אַרונ־טער פון אַ ווייטן שטערן. מיר האָבן זיך באַפרייט פון אַ שוידערלעכן קאָשמאַר און געבליבן מיט די אַלטע חש־בונות וועלכע די וועלט האָט געהאַט, האָט, און וועט מיט אונדז האָבן אייביק.

יעדער גוי האָט זיך געוווּנדערט ווי אַזוי זענען מיר געבליבן לעבן; עפּעס איז יעדער גוי געווען זיכער, אַז ער איז פּטור געוואָרן פון דעם יידן אויף אַלע מאָל, איז אין האַרצן דאַנקבאַר געווען היטלערן י"ש פאַר זיין גע־ראָטענער אַרבעט. אַ מאָדנע אַנטוישונג האָט מען גע־קענט מערקן אין זייערע אויגן, ווען זיי האָבן אונדז דער־זען אַרומדרייענדיק זיך איבער די חרובע שטעט, וואָק־זאַלן און הויפן בעטלענדיק עסן, אָדער זוכנדיק אַ וועג ווי אַזוי צו פאָרן ווייטער. מ'האָט אונדז געיאָגט, געטריבן, געזידלט און מיר זענען געלאָפן, זיך געשלעפּט פון איין אָרט צום צווייטן און ניט געוווּסט וואָס דער מאָרגן וועט אונדז ברענגען. אָרים און אומגליקלעך פאָלק מיינס, מיט וואָס האָסטו זיך אַזוי ביטער פאַרזינדיקט אויף דער וועלט?!... וואָס טראַכסטו, גרויסער גאָט, איז נאָך לאַנג דער וועג פון פּיין? און וואָס דערוואַרט אונדז אין דער צוקונפט? איז טאַקע עפּעס ניט געוויינלעכעס אָנגעגרייט פאַר אונדז? ווי לאַנג וועלן זיך ציען די חבלי לידה, און נאָך אַלע יסורים, וואָס וועט געבוירן ווערן? מיר האָבן דעם עונש מיט דער פולער מאָס, ווו איז אונדזער שכר?...

כ'האָב אַ סך געטראַכט. זיך געוואָלט טיילן מיט די מיידלעך, אָבער זיי האָבן געלאַכט פון מיר. זיי האָבן פאַר־לוירן דעם גלויבן, אָבער איך האָב געזען גאָט אפילו אין אונדזערע יסורים.

ביז וואַנען וועלן מיר זיך אַזוי אַרומשלעפּן? וווּאַהין וועלן מיר אָנקומען? פון וואָס וועלן מיר לעבן? וואָס וועלן מיר טאָן? ווי אַזוי וועלן מיר אָנהויבן פון דאָס ניי? פראַ־געס, פראַגעס, אָן אַ סוף אָן אַ ברעג. מיר זענען נאָך אַלץ ווי די שעפעלעך צווישן וועלף, וועלכע לויערן אויף אונדז.

איינמאָל, ווען מיר זענען אַלע צוזאַמען געזעסן אויפן וואָקזאַל פון אַ שטאָט — וואָס איך געדענקט ניט איר נאָמען, פאַרצווייפלטע און פאַרלוירענע, געקוקט מיט יאושדיקע אויגן אויף יעדן אריינקומענדיקן מענטשן, האָבן מיר מיטאַמאָל דערזען אַ סאָלדאַט אויף איין פוס און די צווייטע אויף אַ קולע. אַ קליינער, אַ דאַרער שוין ניט גאָר קיין יונגער, מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס.

גאָרניט איז געווען אויסערגעוויינלעך. ניט זיין קולע,

אויף זיין פנים סיי אַז ער האָט חרטה וואָס ער האָט זי דאָס געפרעגט, סיי אַז ער איז נייגעריק אויף איר ענטפער. ער האָט אויסגעמיטן חנהס אויגן.

„דאָ קען איך אייך נישט העלפן", איז געקומען חנהס שטילער ענטפער.

וואָס זאָל זי אים זאָגן? אַז זיין פאַרליבט הייסט נישט פאַרגלייכן יענעם מאַן מיט מייקלען, יענעמס אויגן מיט מייקלס, ווי זי פאַרגלייכט יעדן מאַנסביל מיט אים, און יעדן מאַנסביל פעלט אויס... און וואָס איז זי מחויב צו דערקלערן?

„אָט דאָ איז מיין באַן. זייט געזונט!"

„כ'האָב נאָר געמיינט — איר זאָלט... מילא".

חנה איז גלייך פאַרשוונדן אין דעם אַריינגאַנג צו דער באַן־סטאַנציע.

„בלייבט געזונט".

יחיאל־מיכאל האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט איבער די ניו־יאָרקער גאַסן אָן תכלית און האָט כמעט פאַרשפּעטיקט דעם אויטאָבוס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ליידיק אָרט און האָט גענומען לייענען א ספר מיט אַזאַ כוונה אַז קיינער האָט זיך נישט געטשעפּעט צו אים, אים קיין וואָרט נישט געזאָגט, און ער האָט קיינעם נישט געדאַרפט קוקן גלייך אין פּנים אַריין מיט זיינע אומגליקלעכע, הירשענע אויגן.

ביידע האָבן אויסגעמיטן די ביבליאָטעק אין משך פון די קומענדיקע וואָכן. ווען זיי האָבן זיך סוף־כל־סוף געזען האָבן חנה און יחיאל־מיכאל זיך איגנאָרירט. חנה איז נאָך אַלעמען איינע פון „יענע" מיידלעך, און יחיאל־מיכאל איז נאָך אַלעמען אַ חסיד.

---

# אויפן וועג „אהיים"

לאה זילבער

(דערמאָנונג)

ס'איז געווען שטיל. דאָס שטעטל ערגיץ אין פּאָמע־ראַניע איז נאָך געשלאָפן, דער פרימאָרגן האָט צוגעזאָגט אַ וואַרעמען און שיינעם טאָג. אָבער די ניט פאַרזייטע און צעטראָטענע פעלדער; די פאַרברענטע בוימער; די פּוסט־קייט אַרום האָט אומעטיק געמאַכט דאָס האַרץ. עס איז געווען פרילינג 1945, נאָך דער באַפרייאונג. עפּעס האָט געדריקט עלנט און פאַרלאָרנקייט. דאָס ניט וויסן וואָס די קומענדיקע מינוט קען מיט זיך ברענגען — האָט שווער געמאַכט דאָס געמיט. ס'איז געווען אַ גליק, וואָס די ברעט־לעך מיט די נעמען פון די וועגן זענען צוריק אויפגע־שטעלט געוואָרן, האָבן מיר כאָטש געוווסט וווּאַהין מיר גייען.

דאָס לאַנד איז אונדז געווען פרעמד.. די וועגן אומבאַ־קאַנט. אָבער מיר האָבן געמוזט גיין. קיין אַנדער ברירה איז ניט געווען. מיר האָבן זיך קונציק אויסגעהיט פון די קליינע אָפּטיילונגען פון מיליטער, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט פאַרביימאַרשירט. אין די נעכט האָבן מיר זיך אָפּגערוט אין שטאַלן און שייערן; אין חורבות; און מיטן באַגינען ווידער געגאַנגען אָן אַן אַדערס און אָן אַ ציל, נאָר אין מיין האַרצן האָט שטענדיק געפּרעפּלט אַ תפילה צו גאָט, ער זאָל אונדז פאַרהיטן פון אַלדאָס בייז. איך גלויב באמונה שלימה, אַז די תפילות האָבן אונדז געהאָלפן, ווייל זיי זענען געקומען פון אַ ציטערדיק האַרץ. נאָך עטלעכע טעג מאַרשירן, ווען אונדזער שפּייז האָט זיך אויסגעלאָזט, זענען מיר אָנגעקומען אין אַ שטאָט. מיר זענען אַוועק אויפן וואָקזאַל. קיין סך מענטשן זענען דאָרטן נישט געווען. מיר האָבן זיך געוואַשן אונטער דער „וואָדאָקאָטשקע". אויף די ליניעס האָט זיך דערווייל אָנגערוקט אַ לאָקאָמאָ־טיוו, צו אים האָט מען צוגעטשעפּעט וואַגאָנעס פאַר בהמות און חזירים, מיר האָבן געפרעגט: ווּ וועט די באַן גיין און ווען וועט זי גיין? אָבער מיר האָבן ניט געקענט ביי קיינעם דערגיין קיין טאָלק... ווען דער גאַנצער עשאַלאָן האָט זיך אויסגעשטעלט, האָבן מיר ניט פרעגנדיק ביי קיינעם זיך ארויפגעכאַפּט אויפן לאָקאָמאָטיוו און אַלע פינף זיך אויסגעזעצט אין אַ ווינקעלע, אויף דער פּאָדלאָגע און געוואַרט ביז די באַן וועט זיך רירן... מיר האָבן אפילו ניט געוווּסט וווּאַהין די באַן קען אונדז פאַרפירן... נאָכן אָפּ־זיצן אַ שיינע פּאָר שעה, האָבן מיר מיטאַמאָל דערהערט קולות פון רוסן, זיי זענען געקראָכן אין די וואַגאָנעס, גע־רעדט הויך. זיך געקריגט און זיך געזידלט. מיר האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם פון שרעק. מיר זענען געווען זייער אומרואיק, מיטאַמאָל האָבן מיר דערהערט ווי עמעצער איז ארויף אויפן לאָקאָמאָטיוו, מיר האָבן זיך פאַרטייעט, אָבער ס'האָט ניט געדויערט קיין מינוט, ווי ס'האָט זיך פאַר אונדז באַוויזן אַ רוסישער מיליטערמאַן, מיט אַ פּנים פון אַ גזלן, מיר האָבן אים שטום אָנגעקוקט. ער, האָט אונדז באַשאָנקען מיט אַ קוק, וועלכער האָט קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט. זיין בליק איז געווען פול מיט רשעות און חשד. ער האָט געגעבן אַ דונער ווי פון אַ טרובע! „זשידאָוויאַ" — מיט אַזאַ קול, אז מיר זענען געבליבן זיצן פאַרגליווערטע פון שרעק... נאָכן „זשידאָוויאַ" האָט זיך אַ שאָט געגעבן פון זיין מויל אַ לשון, אַז אַפילו קיין פּאַ־פּיר קען דאָס נישט פאַרטראָגן... ס'איז אונדז פינצטער גע־וואָרן פאַר די אויגן, ער האָט געזעצט מיט די גרעבסטע ווערטער פון זיין כאַמסקן מויל: „פּאַרשיוואַיאַ זשידאָוו־סקאַיאַ באַנדאַ"! האָט ער געדונערט איבער אונדזערע קעפּ. שוין זאָלט איר ארונטער פון דאַנען. אויב ניט וועל איך אייך באַלד אזוי צורעכט מאַכן, אַז איר וועט ניט קענען שטיין אויף אייערע פיס. ער האָט דערביי געכאַפּט אַ לאַנג שטיק אייזן, און דאָס געגעבן אַ הויב אין דער לופטן... מיר האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אונדזער פאַרגליווערטקייט און אָנגעהויבן צו לויפן און שפּרינגען פון הויכן לאָקאָמאָ־טיוו. מיר האָבן שיער ניט געבראָכן האַלדז און נאַקן, און געלאָפן צוריק צום וואָקזאַל.

דער וואָקזאַל איז שוין געווען פול מיט מיליטער. מיט רוסישע ציווילע באַפעלקערונג, אָפּגעריסענע, מיט טאָרבעס

אויפגעהויבן די אויגן און האָט געזוכט דאָס מיידל, איז זי שוין נישט געווען.

אין אַ וואָך אַרום איז דער יונגער חסיד ווידער געקומען אין ביבליאָטעק, און האָט ווידער געזוכט דאָס מיידל. דאָס מאָל איז זי געזעסן מיט אַ קליין ביכל וואָס האָט דווקא יאָ אויסגעזען ענלעך אויף אַ טייטש־חומש. אויף איר פּנים האָט געפעלט דער האַלב־פאַרחלומטער שמייכל וואָס פריער. די קנייטשן אַרום די אויגן האָבן אונטערגעשטראָכן איר אַנגעשטרענגטקייט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי איר טיש, און וואַרטנדיק אויף די ספרים וואָס ער האָט באַשטעלט ביים ביבליאָטעקאַר, האָט ער אַרויסגעקוקט אויפן מיידל פון אונטער די וויעס. זי איז ווידער געווען אָנגעטאָן אין אַ בלוזע, דאָס מאָל אַ רויטע, די אַרבל פאַרקאַטשעט, די בלוזע פּאַסט זיך צו אירע שוואַרצע האָר, האָט ער געטראַכט. אַ פּאָר הערעלעך זענען איר געפאַלן איבער די אויגן, און אויף איר פּנים האָט געפעלט די ליבע און באַוווּנדערונג צו וועלכע ער האָט זיך שוין צוגעוווינט. אַ פאַריאָגטקייט האָט פאַרנומען זייער אָרט. ווי אַ ייִדענע אין אַ ווינטערדיקן ערב־שבת, האָט ער געטראַכט, ווען דער טאָג איז פּשוט צו קורץ.

אַ בחור אָנגעטאָן אין דאָנגעריס און אַ פלאַנעלן העמד האָט אים דערלאַנגט די ספרים. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין זיי מיט גרויס כוונה. זאָל זי חלילה נישט מיינען אַז ער איז געקומען צוליב איר.

חנה האָט אַוועקגעשטופּט די הערעלעך וואָס זענען איר כסדר געפאַלן פאַר די אויגן, און האָט געלייענט ווייטער מיט כוונה. וואָס גיכער זי וועט פאַרטיק ווערן מיט דעם נודעם אַרטיקל, אַלץ גיכער וועט זי זיך קענען נעמען צו די אַלטע זשורנאַלן. אויס געוווינהייט האָט זי געוואָרפן אַ בליק איבערן לייענזאַל און האָט באַמערקט דעם יונגן חסיד. זי האָט באַשלאָסן אַז לוי־יצחק האָט געמוזט אויסזען פּונקט אַזוי, געמוזט האָבן אַזאַ סענסיטיוו פּנים מיט אַ גריכישער נאָז אַזאַ. מן־הסתם האָט אויך ער זיך געשאָקלט אַזוי חנעוודיק ביים לייענען. און די אויגן — דאָס זענען מייקלס אויגן. ניין — מייקלס אויגן זענען אין גאַנצן ברוין, און די־אָ זענען גרין־ברוין, נאָר ביידע דערמאָנען אַין אַ הירש... מסתמא האָט לוי־יצחק אויך געהאַט אַזעלכע הירשענע אויגן.

דער חסיד האָט אויפגעהויבן די אויגן.

„שלום־עליכם. וואָס לייענט איר היינט?״

„העלאָ! כ׳האָב מורא, אַז גאָרנישט אינטערעסאַנט״.

„אָ, אַ שאָד״. זיינע אויגן זענען געווען פול מיט מיטלייד.

„וואָס לייענט איר?״

„אַ ספר״.

חנה האָט געוואַרט ער זאָל איר דערקלערן וואָס פאַר אַ ספר און האָט זיך באַלד געכאַפּט אַז ער וועט איר נישט זאָגן.

„איר ווייסט, איך ווייס נישט ווי איר הייסט״.

„כ׳הייס יחיאל־מיכאל״.

„און איך הייס חנה״.

„זייער איינגענעם״.

„טאַקע. מיר אויך״.

ביידע האָבן געשוויגן.

„נו״, האָט חנה געלאַכט אומבאַקוועם, „צוריק צו דער אַרבעט!״

„יאָ״.

*

יעדעס מאָל וואָס חנה און יחיאל־מיכאל האָבן זיך געטראָפן האָבן זיי אויסגעטוישט אַ פּאָר ווערטער; אָדער האָט ער זי געפרעגט וועגן אַן אַרטיקל וואָס ער האָט געלייענט אין דער וועלטלעכער פּרעסע, אָדער האָט זי געבעטן ביי אים הילף מיט אַ טראַדיציאָנעלן ענין. און בשעתן רעדן האָבן ביידע זיך געפילט זייער אומזיכער — און האָבן נישט געוווּסט פאַר וואָס.

איין מאָל האָבן זיי זיך ביידע געגרייט צו פאַרלאָזן דעם זאַל פּונקט אין דער זעלבער צייט. אַרויסגייענדיק האָט יחיאל־מיכאל געהאַלטן פאַר איר די טיר.

„אַ שיינעם דאַנק״.

„נישטאָ פאַר וואָס״.

„וווּהין פאָר איר? קיין ברוקלין?״

„יאָ. 5 אַ זייגער פאָרט אָפּ אַ באַס פון דער 26סטער גאַס״.

„אָ״.

„און איר?״

„כ׳פאָר נישט קיין ברוקלין״.

ביידע האָבן נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן, און זענען געגאַנגען פּאַמעלעכערהייט, יעדער אַריינגעטאָן אין די אייגענע מחשבות. נישט קוקנדיק האָט חנה באַמערקט ווי מענטשן קוקן אויף זיי, גלאָצן אויס אַ פּאָר אויגן. דאָס פּאָרל האָט זיך פאַרנומען דווקא אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון דער 26סטער גאַס.

״דו — איר האָט דאָך מסתמא אַ בחור?״

„יאָ און ניין״.

דער חסיד האָט געשוויגן. ס׳איז אים קענטיק געווען שווער צו פרעגן.

„דאָס הייסט יאָ, נאָר — ״

„מיר דאַרפסטו עס נישט דערקלערן״.

יחיאל־מיכאלס אויגן האָבן נישט געקוקט רעכטס אָדער לינקס, נאָר גלייך פאָרויס, ווי אַ פערד מיט אַ כאָמעט, ער האָט גערעדט פּאַמעלעך, עקזאַקט.

„מיינע עלטערן רעדן מיר אַ שידוך. זי איז זייער אַ וואַזשנע מיידל, פון אַ באַלעבאַטישער משפחה. כ׳האָב נאָר געוואָלט וויסן — ״ און דאָ האָט ער זיך מיט אַן אמת אָנגעשטרענגט נישט צו קוקן חנהן אין פּנים אַריין — „כ׳וויל וויסן — ווי מע פילט זיך — וואָס פאַר אַ געפיל — וואָס הייסט זיין פאַרליבט?״

ביי די ווערטער איז דער יונגער חסיד געוואָרן רויט ווי אַ שעמעוודיק מיידל, און מ׳האָט געקענט דערקענען

פאַפּירן און ביכער אָן אַ סוף — אַלטע און נייע — אַ ייִדישער גן־עדן.

אין דעם יודאַיסטישן צימער אויפן ערשטן גאָרן לייענט איינער דובנאָוו, אַ צווייטער ווייצמאַנען — און אַ דריטער דעם רמב״ם. 5.000 יאָר ייִדיש לעבן פּאַסן זיך אַריין אין איין קאַרטאָטעק, ס׳אַ ביבליאָטעק — מען דאַרף לייענען, זיך לערנען, אַנטוויקלען דעם מוח. מען דאַרף באַקומען וויסן. אַ קליין קאַרטל אין קאַרטאָטעק ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ בוך, און אַ בוך ווערט פאַרוואַנדלט אין וויסן.

דער לייענזאַל, ווי געווײנטלעך, איז געווען פול מיט ייִדן — מיט היט און אָן היט, פרומע און פרייע. אַ יונגער חסיד פירט אַ שמועס מיט אַ מאַן וואָס זיצט ביי איינעם פון די הילצערנע טישן און שרייבט אָן אַן אַרטיקל. חנה, אַ סטודענטקע וואָס איז געזעסן ביי אַ שכנישן טיש, האָט זיך געחידושט וואָס דער חסיד פרעגט אים צו ער שרייבט אָן דעם אַרטיקל פאַר דער צוקונפט.

— שטעל זיך פאָר אַז אַ חסיד ווייסט אַז ס׳עקסיסטירט אַ צוקונפט! זי האָט אַ שמייכל געטאָן און האָט ווידער אַריינגעשטעקט די קליינע נאָז אירע אין דעם געבונדענעם יאָרגאַנג פון אַ וואַרשעווער זשורנאַל וואָס זי האָט געהאַלטן אין מיטן לייענען.

חנה פרעסער איז געקומען אַרבעטן אין ביבליאָטעק צוויי, דריי מאָל אַ וואָך. זי האָט בעסער ליב געהאַט צו אַרבעטן דאָרט ווי אין אוניווערסיטעט, ווייל דאָ זעט מען מער מענטשן פון אַ ברייטערן אויסקלייב.

זי האָט זיך רעגלמעסיק פאַרטיפט אין אַ בוך אָדער אין אַ זשורנאַל און איז גלייך אַוועקגעפלויגן אינעם עולם־הדמיון. די זשורנאַלן זענען איר געווען ווי אַ ציענדיקער ראָמאַן, און די מחברים פערסאָנאַזשן מיט וועמען זי איז שוין גוט באַקאַנט — כעמט ווי העלדן אין אַ סאָופּ־אָפּעראַ. אַז איינער פון זיי האָט זיך אויפגעפירט בונטאַריש אין אַן אַרטיקל צי אַ בריוו אין דער רעדאַקציע, האָט זי געטאָן אַ שמייכל — ווי אַ מאַמע שמייכלט אויף אַ שטיפעריש קינד אָדער אַ ווייב ווען איר מאַן פירט זיך אויף ווי אַ קליין ייִנגעלע. איר פנים האָט זיך געביטן ביים לייענען, איז געוואָרן ווייכער, אָפענער. אָט שמועסט מען זיך דורך מיט אַלטע חברים — דאַרף מען זיך נישט זאָרגן וועגן דער גאַנצער וועלט! דאָ האָט זי זיך געפילט זיכער. דאָ, פאַרברענגענדיק מיט אַ וועלט וואָס איז שוין 40 יאָר פאַרביי, האָט זי באַהערשט די אייגענע וועלט.

דער יונגער חסיד האָט געקוקט אויף דעם דאָזיקן מיידל, און ס׳איז אים געווען טשיקאַווע צו וויסן וואָס זי לייענט. סטייטש! זי לעבט זיך אַזוי אַריין אין דעם! אַפילו די אויגן אירע ווערן גרעסער.

ער האָט געקוקט אויף איר. געקוקט ווי זי קומט יעדעס מאָל אַריין אין זאַל. ער האָט זי געזען — אַ שטילע, אַ נערוועזע. זי וואַרפט אַ גיכן בליק איבערן זאַל, טאָמער זעט זי אַ באַקאַנטן. זי ציטערט מען זאָל איר זאָגן אַ בייז וואָרט. יאָ, אַן אייגענע.

ער האָט באַמערקט אַז זי טראָגט אַלע מאָל אַ בלוזע — קיין מאָל ניט קיין סוועטער ווי די מאָדערנע מיידלעך. די פריזור פונקט אַזוי זיך — זי מוז זיין אַן אייגן מיידל.

נאָר ער האָט זי נישט דערקענט. חוץ דעם — וואָס טוט אַן אייגענע דאָ אין ביבליאָטעק, ביי די גויים? און וואָס לייענט זי? ער האָט געזען אום שבת ווי די ווייבער זיצן איבער דעם טייטש־חומש מיט פונקט אַזאַ מינע ווי אירע. נאָר אויף צו לייענען די צאינה־וראינה קומט מען נישט אין ביבליאָטעק. און דערצו איז דאָס בוך צו גרויס צו זיין אַ טייטש־חומש. ס׳זעט גיכער אויס ווי אַ תלמוד. אָבער קיין תלמוד לייענט מען נישט מיט אַזאַ מינע, און אַ מיידל דערצו.

וואָכן לאַנג האָט ער זיך געמאַטערט איבער דעם: וואָס לייענט זי? ביז ער האָט באַשלאָסן זי אַ פרעג צו טאָן:

„אַנטשולדיקט, נאָר וואָס לייענט איר?״

חנה האָט אויפגעהויבן די אויגן און האָט געזען פאַר זיך אַ יונגן חסיד מיט אַ שוואַרצער קאַפּאָטע, אַ שטריימל, פּאות מיט ווונדערלעך מילדע גרין־ברוינע אויגן און אַ נערוועזן שמייכל...

„די ליטעראַרישע בלעטער. ס׳אַ זשורנאַל וואָס איז אַרויס אין וואַרשע פאַר דער מלחמה. אַלע וויכטיקע ייִדישע שרייבערס זענען דאָ פאַרטראָטן״.

„עקסיוז מי״, האָט דער יונגער חסיד שעמעוודיק פאַרגעזעצט אויף ענגליש. „כ׳האָב געמיינט אַז איר זענט איינע פון אונדזערע מיידלעך. כ׳האָב נישט געמיינט...״ ער איז געבליבן שטעקן אין מיטן זאַץ.

חנה איז געבליבן שטיין אַ מינוט אָן לשון, האָט אים געקוקט גלייך אין פנים אַריין מיט אַ פאָר פאַרזאָרגטע, נייגעריקע אויגן, און האָט אים סוף־כל־סוף געפרעגט: „פון וואַנעט ווייסט איר וועגן דער צוקונפט? איר לייענט זי אַוודאי נישט״.

„מיין טאַטע האָט אַ דרוקעריי. און איך לייען אַפילו דעם פאָרווערטס פון צייט צו צייט״.

דאָס האָט ער שוין געזאָגט מיט אַ האַלב־אַפּאָלאָגעטישן שמייכל.

„מיר איז אינטערעסאַנט צו וויסן וואָס טוט זיך ביי די פרייע. זיי זענען דאָך אויך אַ טייל פון כלל־ישראל״.

דאָ האָט ער זיך פאַרריייטלט ביז אונטערן שטריימל, און איז ווידער אַריבער אויף ייִדיש.

„אַנטשולדיקט. איך האָב נישט געמיינט אייך צו באַליידיקן״.

חנה האָט אים געענטפערט מיט זייער אַן ערנסטער מינע. די אויגן אירע זענען געוואָרן נאָך גרעסער, אַזוי ווי ער האָט זיי געזען בשעת זי האָט געלייענט, און אים האָט זיך געדאַכט אַז זי זעט אויס ווי אַ ייִדענע וואָס איז געקומען צום רבין פרעגן א שאלה אויף אַ הון.

„ס׳איז נישט קיין באַליידיקונג. טייל ייִדן זענען פרומע און טייל זענען פרייע. אַזוי איז עס. כ׳בין נאָר צופרידן וואָס איר רעכנט אונדז צו צום כלל־ישראל״.

„הם... אפשר —.״

און ער איז צוריק צו זיין טיש און צו זיינע ספרים. ער האָט געלייענט מיט גרויס כוונה, און ביז ער האָט

אָריגינעלסטע און קרעפּטיקסטע העברעאישע שרייבער, וועלכע שאַפֿן אַלץ וועגן עבר און דעם לעבן פֿון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. אַרויסהויבנדיק עגנונען, ווייזט ער אָן, אַז זיין פֿען־נאָמען איז אַ פּסעוודאָנים און נעמט זיך פֿון פּשוטן העברעאישן וואָרט עגנות, ווייל דער שרייבער לעבט איינזאַם, אַ פֿאַרלאָזן לעבן, פֿאַרטאָן אין זיין שע־פֿערישע אַרבעט. א טאַלאַנט, וואָס פֿאַרקערפּערט מיט זיך אַ גדול בישראל, וואָס דערשיינט נאָר אין עטלעכע דורות.

בשעתו האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף עגנונס נייעם סטיל וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור. באַזונדערס האָט דער פּרעלע־גענט גורט זיך אָפּגעשטעלט אין דעמאָלטיקן רעפֿעראַט אויף זיין יידיש שאַפֿן, און אויף דער רייכקייט פֿון יידיש לשון, וואָס ער האָט גענומען פֿון די וואָרצלדיקע זאַפֿטן פֿון טאָגטעגלעכן לעבן און זיך דערהויבן צו דעם גע׳ט־לעכן, ווילקלינגעוודיקן, וואָס האָט געגעבן יעדן שרייבער די מעגלעכקייט אויסצוזינגען זיינע געפֿילן די דורך דורות געלייטערטע זאַפֿטן פֿון פֿאָלק.

אין יאָר 1951 האָט חיים גורט געמאַכט אַ קורצן באַזוך אין ישראל און פֿון דאָרט צוריקגעקומען א באַ־גייסטערטער, האָבנדיק איינגעזאַפּט דעם קלאַנג פֿון לעבעדיקן העברעאישן לשון. אַ צייט שפּעטער האָט ער איבערגעזעצט עגנונס דערציילונג „די כּאַפּערס״, וואָס מיר האָבן דעמאָלט אונטער אונדזער רעדאַקציע אָפּגע־דרוקט אין די „יידישע פּאָסט״, אין נאָוועמבער 1951.

אגב איז די זעלבע איבערזעצונג אַריין אינעם בוך „צווישן אַלט און ניי״. חיים גורט האָט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז ער האָט בדעה שפּעטער איבערצוזעצן אַנדערע פֿון עגנונס דערציילונגען. דאָס האָט ער אָבער גלייך נישט געקאָנט טאָן, צוליב עול פּרנסה אין זיין פּאַק־פּאַפּיר גע־שעפֿט און דאָס אָפּגעלייגט אויף א ביסל שפּעטער.

דאָך האָט ער ערשט רעאַליזירט נאָכדעם, ווען ער האָט זיך סטאַביל באַזעצט אין דער יידישער מדינה. דאָרט איז אים אויך שפּעטער באַשערט געווען זיך צו טרעפֿן אויג אויף אויג מיט זיין באַליבטן שרייבער ש. י. עגנון און שמועסן מיט אים וועגן זיינע שאַפֿונגען און ווי אַזוי מ׳דאַרף אים איבערזעצן.

ווי שוין געזאָגט, איז עגנונס שפּראַך אַ ספּעציפֿישע — אידיאָמאַטיש און תּלמודיש. און דער פֿאַרשטאָרבע־נער חיים גורט איז געווען אַ גרויסער בקי אין די אַלטע ספֿרים, אַ פּקוח, לייגנדיק דעם טראָפּ אויף יעדן אידיאָם און זיך אַריינפֿאַרטיפֿט אין עגנונס שפּרודלדיקע אַרכאַישע אויסדרוקן און זיי אַרויסברענגען אין אַ פֿליסיקן יידיש.

זיין אַריינפֿיר־וואָרט צו „צווישן אַלט און ניי״, פֿאַר־ענדיקט פּראָפֿ. דב סדן מיט פֿאָלגנדיקן פֿילזאָגעוודיקן זאַץ:

„איך האָב אַמאָל עגנונען אַ פֿרעג געטאָן, וועגן די צוויי גרעסערע פּרוון אים צו פֿאַריידישן (געמיינט אליעזר רובינשטיין און חיים גורט — ג. ש.) האָט ער אַ שמייכל געטאָן: ווייזט אויס, אַז להבדיל בין קודש לחול, אין דער ליטעראַטור, גילט איצט אַ פֿאַרקערטע הלכה: אחד מקרא ושניים תרגום, אָבער ווער עס איז דאָ אונקלוס און ווער יוחנן עוזיאל, זאָלט איר, קריטיקער, זיך דאַרן דעם קאָפּ, און אַנטשיידן״.

דאָס בוך „צווישן אַלט און ניי״ איז געדרוקט מיט ליכטיקע אותיות אויף גוט פּאַפּיר און איז אַ ציכטיקע אויסגאַבע פֿאַרן יידיש־לייענער, וואָס וויל זיך באַקענען מיט עגנונס שאַפֿונגען.

מיר דאַרפֿן דערפֿאַר דאַנקבאַר זיין די אלמנה, וואָס האָט זיינע איבערזעצונגען אַריינגעשטעלט צווישן צוויי טאָוולען.

חיים גורט ז״ל איז נפטר געוואָרן אין תל־אביב אין יאָר 1975. זאָלן די דאָזיקע שורות זיין אַ ליכטל צו זיין 5־טע יאָרצייט.

שרהלע זילבערמאַן

# געמיינט

צוויי שטיינערנע לייבן שטייען ביים אַריינגאַנג פֿון דער ביבליאָטעק אויף דער 42סטער גאַס — גלויבן און שכל. צוזאַמען שטעלן זיי מיט זיך פֿאָר דאָס וויסן, די צוויי שטיינערנע היטער. זיי ליגן אויף די טרעפּ, איינער צו דרום צו, איינער צו צפֿון צו — אויף אייביק צע־שיידט. ס׳קאָן דאָך אַנדערש נישט זיין. ביי איינעם קען שטיין אַ „פֿושער״, ביים צווייטן — צוויי פֿאַרליבטע. נאָר זיי זענען פֿאָרט אַ פּאָר. זיי באַקוקן אי דעם „פֿו־שער״ אי דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק מיט דעם זעלבן שטאָלצן בליק.

יעדע וואָך קומען טויזנטער מענטשן אין דער ביב־ליאָטעק צו לייענען ביכער, צו ווערן קליגער. מען קוקט אָן די מאָהאָגענע ווענט און די מירמעלנע פּאָדלאָגעס. אַ פּאַלאַץ, און אַליין איז מען דער באַווינער, דער קאַ־וואַליר צי די דאַמע. פֿוסטריט הילכן אָפּ ווו נאָר מען גייט, און מע פֿרייט זיך, ווייל ווו דען קען מען האָבן אַזעלכע פֿאַנטאַזיעס אין ניו־יאָרק?

נאָר אַפֿילו דאָ שרייבט מען אויף די ווענט פֿון די וואַשצימערן, כאָטש אָנשטאָט די געוויינטלעכע פּאָרנאָגראַ־פֿיע („...אויב דו ווילסט גוט פֿאַרברענגען, קלינג מיר אָן...״) זענען די ווענט באַפּוצט מיט פּאָליטישע דיסקוסיעס און ליטעראַטור־קריטיק:

— לייענט דיקענז — איר׳ט הנאה האָבן!

— דיקענז שטינקט!

— ווי קענסטו דאָס זאָגן אויף איינעם פֿון די גרעסטע ענגלישע פּראָזאַיקער?

און אַזוי ווייטער.

ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ צוקונפֿטיקע געלערנטע דריקן זיך אויס אויף אַזאַ אופֿן אויף די ווענט?

דאָ שטייט דאָס וואָרט אויבן אָן — אַפֿילו אין וואַשצימער. אַז מע גייט דורך די קאָרידאָרן זעט מען

גדליה שאַק

# „צווישן אַלט און ניי"

(וועגן חיים גורט'ס תרגום אויף יידיש
פון ש. י. עגנונס 8 דערציילונגען)

עגנונען איז צוגעטיילט געוואָרן דער נאָבעל־פּריז פון דער שוועדישער מלוכה אַקאַדעמיע אין שטאָקהאָלם אין יאָר 1966 און ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 82 יאָר.

קריטיקער זענען מסכים, אַז איבערזעצן דעם לאַורעאַט עגנון אויף יידיש, איז נישט פון די לייכטע זאַכן, בכן זיין ראָל אין דער העברעאישער ליטעראַטור איז אַ ספּעציפישע, ווייל דער העברעאישער קלאַסיקער האָט געפונען שפּראַכלעכע פאָרמען אין עברית, וואָס זענען אמנאָענטסטן געווען זיין אינערלעכע וועלט.

אַ יאָר שפּעטער נאָכן דערהאַלטן דעם נאָבעל־פּריז, איז עגנון איבערגעזעצט געוואָרן אין דעניש, דייטש, פּויליש און ענגליש און שפּעטער אין אַנדערע שפּראַכן. אגב אין דער ענגלישער שפּראַך זענען דערשינען דריי ביכער. דאָס לעצטע אין יאָר 1970, אין פאַרלאַג וויקטאָר גאָלאַנץ א. ק. „21 דערציילונגען". די איבערזעצונגען זענען געמאַכט געוואָרן פון מערערע איבערזעצער. צווו. זיי: י. מ. לאַסק, אייזיק פראַנק, בארנעי רובין, דזשוליוס האַרלעי און אַנדערע.

עגנון איז מייסטערהאַפט איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש לשון דורך אליעזר רובינשטיין. די איבעזעצונג איז דערשינען אין אַ גרויסן באַנד פון 600 זייטן. פאַר וועלכע דער איבערזעצער האָט באַקומען אין יאָר 1976 דעם איציק מאַנגער־פּריז.

חיים גורטס איבערזעצונג איז דערשינען אין פאַרלאַג „ישראל־בוך" אין 1978, לזכרון דעם איבערזעצער, אַדאַנק דער זאָרגפעליקער אָפּהיטונג פון זיין ליטעראַרישן עזבון פון דער אלמנה. דאָס בוך האָט אַן אַריינפיר־וואָרט פון פּראָפעסאָר דב סדן פון דער קאַטעדרע פאַר יידיש אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט.

איז ווערט דאָ צו ברענגען אַן אויסצוג פון אַן אינטערוויו מיט דב סדן ווען ער איז אין יאָר 1953 נאָמינירט געוואָרן אויף דעם אַמט. ער האָט בשעתו צוו. אנד. דערקלערט דאָס פאָלגנדיקע וועגן זיין אויפפאַסונג לגבי יידיש:

„כדי צו פאַרפולקאָמען דעם יידישן באַוווסטזיין פון יינגערן דור, איז נישט גענוג צו לערנען בלויז שאַפונגען אין דער העברעאישער שפּראַך. אויך יידיש האָט ריזיקע יצירות, וואָס האָבן מיטגעווירקט אויף דעם געשיכטלעכן נאַציאָנאַלן מהלך פון פאָלק, און דעריבער מוז יעדער תלמיד פון הומאַניסטישע קענטשאַפטן באַקענען די אידייען און פּראָבלעמען, וואָס זענען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער שפּראַך".

אויף דער פראַגע וועגן זיין באַציאונג צו יידיש, האָט ער געענטפערט, אַז קיין יידישיסט איז ער נישט און איז נישט קיין אָנהענגער פון יידישיזם. ער האַלט אָבער, אַז דער אוניווערסיטעט טאָר נישט דערלויבן קיין שום חלל אין אויסשמידן דאָס יידישע באַוווסטזיין פון סטודענט. און אַן די ידיעות, אָן יידיש בלייבט אַ גרויסער חלל . . .

חיים גורט איז אַראָפּגעקומען קיין מעלבורן אין יאָר 1937. עטלעכע יאָר האָט ער זיך פאַרנומען מיט לערעריי, בעיקר לעקציעס אין יידישער און העברעאישער ליטעראַטור. און שפּעטער געצויגן חיונה אַלס סוחר פון א פּאַק פּאַפּיר געשעפט.

די היגע געזעלשאַפטלעכקייט האָט אַרויסגעקוקט צו דעם מאָדערנעם, עניותדיקן משכיל מיט גרויס רעספּעקט. ער איז באַקאַנט געווען אַלס יודע ספר, תלמיד־חכם און גריבעלער אין אַלטע ספרים.

ער איז אויך אַ געוויסע צייט געווען דער פאַרוואַלטער פון דער י. ל. פּרץ־שול און באַקאַנט געווען אַלס אויסגעצייכנטער לעקטאָר. אַפילו, שפּעטער, נאָך עולה זיין אין יאָר 1958, פלעגט ער פון צייט צו צייט אַראָפּקומען פון ישראל אין פערזענלעכע אָנגעלעגנהייטן און האַלטן לעקציעס פאַר אַן ענגען קרייז צוהערער.

ער איז געווען אַ גרויסער עסטעט און אַ בעל־מנגן, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין זיידע, דעם גראָדזשיסקער חסיד, וואָס האָט זיך גערעכנט צווישן די נאָענטע מקורבים פון רבין ר' אלימלך. און זיין פעטער, איז געווען דער באַוווסטער לאָוויטשער חזן און בעל־מגנן, יוסף גורט.

חיים גורט איז געווען אַן אויטאָדידאַקט און פרייער צוהערער אין עטלעכע אינסטיטוטן אין ווילנע צווישןביידע וועלט־מלחמות. דאָס יאָר לעבן אין ווילנע, האָט געהאַט אויף אים א גרויסע השפעה אין זיין ווייטערדיקן לעבנס וועג.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון חיים גורט דאַרף מען צוגעבן עטלעכע כאַראַקטער־שטריכן. ער איז געווען פון נישט הויכן וווּקס, געגאַנגען עטוואָס אָנגעבויגן. דורך די דיקע גלעזער־ברילן פלעגט ער קוקן אויף זיין מיטשמועסער מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק ווי וועלנדיק יענעם דורכפּראָזשעקטירן.

ער פלעגט רעדן געלאַסן, דורכגעטראַכט און ליב געהאַט מסביר־צו־זיין אַן אַרויסגעזאָגטע מיינונג אין קלאָרע, פּשוטע ווערטער. זיין גאַנצער הולך און באַנעמונג האָט פערזאָניפיצירט אַ טיפּישן מאָדערנעם משכיל.

דאָס אין מעלבורן האָט ער זיך געחברט מיט דער יידישער שרייבער־משפּחה.

חיים גורט איז געווען פאַרליבט אין עגנונס שאַפונגען און זיך פאַסמאַקעוועט מיט זיין שפּראַך ווי מיט אַ טייערן געטראַנק.

אין אַ רעפעראַט וועגן דער העברעאישער ליטעראַטור און אירע שרייבערס, געהאַלטן אין דער „קדימה" אין יוני 1950, האָט ער נאָך אַ קורצן אַריינפיר־וואָרט איבער דעם אַלגעמיינעם שאַפן אין העברעאיש און א ריי שרייבערס, ציטירנדיק די נביאים און משלים פון תנ"ך, האָט ער גענויער זיך אָפּגעשטעלט אויף איינעם פון די

— ו —

איקאַרוס האָט געגאַרט ווי אַ פויגל קענען פליען,
איך, מאָדערנער פליער, טראָג די קרוין פון אַ קאָסמאָנאַט
ווייס איך נישט, ווי איקאַרוס — איבער וועלכע וועגן ציען
כדי צום סוף פון מיין זיין דערגיין, אָ גאָט!
איך, מאָדערנער אדם, בוי און שאַף אין ראַשיקן געאייל,
אין מיין איך באַקרוינט בין איך מיט געאיידלטע מידות,
נאָר עס דרימלט אין מיר נאָך די ירושה פון דער הייל.
פּרוּוו איך זוכן דעם קערן אמת —
כ׳פּרוּוו די הייל פאַרטרייבן. דערגרייכן כ׳וויל דעם
שלימות טרוים,
שלעפּט זי מיך צוריק און שרייט: — ציניקער! —
מיינסט דאָך נאָר דיין תהום באַצירן — זע, ס׳בלייבט
נאָר שוים.

— ז —

**אדם הקדמון**

איך טרעט אויף דער ערד און צו זיך זי מיך ציט,
איך זע אירע מאַמע־הענט מיט בענקשאַפט אויסגעשטרעקט;
איך הער זי רופט: — קום, איך בין דיין אמת — ביין
און גליד —
נישט דאָס פאַרגענגלעכע וואָס האָט מיט הויט דיך באַדעקט.
איך וואַנדער אום אין צויבער־גאָרטן מיט וואַקלדיקע
טריט,
די נייקייט חידוש וועקט אין מיין ברייט צעעפנט אויג;
כ׳שפּיר די פרייד פון געבורט אין יונגן צוויט,
דעם טרויער פון פאַרגיין ווען די זון זיך נויגט;
כ׳זע: דאָס לעבן צום טויט זיך איבערגעשטאַלטן
און איך וויל פאַרשטיין דעם זינען, דעם צוועק,
דעם גרויסן סוד אין באַשאַף באַהאַלטן —
און צוליב וואָס האָסטו מיך צום לעבן אויפגעוועקט.

— ח —

**ביידע אדמס**

מיר זינגען הלל צום באַשאַף, אַ לויב צום לעבן
פאַר דעם וואָס מיר זענען, שטויבעלעך מיט האַרץ און מוח,
מיט פאַרלאַנגען און חלומות, וואָס צום סוף פאַרשוועבן —
ווי פון אַ פאַרלאָשן פייער ס׳לעצטע קנייקל רויך.
מיר זענען דער שטאַרקער שפּאַרט מיט רויער גבורה
פאַרלענדט דעם שוואַכן מיט לוסט און מיט גיר,
צי איז פאַרלענד דער עיקר? — ציל העכער פאַר יצירה,
מוז דער באַשאַף זיין מיט בלוט אויסגעשמירט?
איז הבל׳ס צאַרטקייט כדי לייכטער פאַלן צו קינס רויב?
פאַרוואָס זאָל נאַכט דעם שקיעה־צויבער אַזוי גיך פאַרוועבן,
צוליב וואָס האָסטו אונדז באַשאַפן, כדי ווידער ווערן שטויב,
טאָ פאַרוואָס האָסטו אונדז פון שטויב אויפגעוועקט
צום לעבן?

מאיר זייבל

# אַן אַלטער בוך מיט לידער

ניט פאַרוועלקטע בוימער־בלעטער
זענען די פאַרגעלטע בלעטער —
אין דעם בוך מיט אַלטע טאָוולען
צווישן אַלע מיינע נייע ביכער
אויף גלאַנציקן פּאַפּיר.

נישט טויט זענען די אָדערן, —
די ווערטער־קייטעלעך,
די פערזן־שורהלעך —
די שוואַרצע פּינטעלעך...
— זיי עפענען צו מיר די אייגעלעך...
ווען כ׳קוק אין זיי זיך טיף אַריין...
אין דעם בוך מיט אַלטע טאָוולען
לעבן, צאַפּלען זיי — די לידער, —
קרעפטיקע און אייביקע,
אפילו, —
ווען דאָס האַרץ דאָס איינציקע —
די ערדישע
פון מיין באַליבסטן דיכטער
ס׳האָבן יאָרן — פאַרוואַנדלט עס אין שטויב...
איך האָב דאָס בוך נאָך אָפּגעהיט
אין מיין געבוירן לאַנד.
געפירט אים איבער ימים,
און לאַנג גענוצט אים דאָ; —
און געווען איז עס שטענדיק גוט צו מיר
אין יעדער פייערלעכער שעה.
און געעלטערט זיך צוזאַמען —
ווי אַ צווילינג פון איין מאַמען.

★

ניט פאַרוועלקטע בלעטער, ניין,
זענען זיי — די געלע בלעטער, ניין,
אין דעם בוך פון אַ נישט־גלאַנציקן פּאַפּיר, —
ווי לאַנג איך לעב נאָך
וועט ער שטענדיק ליגן, אויבן אָן, —
אויף דער ביכער־פּאָליצע, ביי מיר.

י. מ. לעווין

# אדם טענהט זיך אויס מיטן רבונו של עולם

(פּאָעמע)

— א —

אדם הקדמון

פאַרוואָס האָסטו מיך פון שלאָף געוועקט?
מיר איז גוט געווען אין מיין רוי־ערדישן דרימל,
אָן עליות, אָן ירידות, אומבאַפלעקט
מיט דער גריקייט פונעם המונישן געווימל.
גוט איז מיר געווען צו שפירן, אַז איך אָנגעהער
דער וועלט דער גאַנצער, פון שטויבעלעך אויפגעטורעמט,
אַז מיט דער קללה פון טראַכטן בין איך נישט באַשווערט,
אַז איך בין אַ שטויבעלע אַ פריי׳ס, אין פורעמס נישט
געפורעמט;
גוט געווען צו שפירן: כ׳בין ממשותדיקע ערד, נישט
ווייטער הימל
מיט זיינע רמזימדיקע סודות ביז איצט נישט אַנטפלעקט.
פאַרוואָס האָסטו מיך ארויסגעריסן פון רוי־ערדישן דרימל,
נאָכוואָס האָסטו מיך פון שלאָף אויפגעוועקט?

— ב —

חוהן האָסטו מיר געגעבן, פאַר אַ שטער צי פאַר אַן אָנשפּאַר?
חוה איז דאָך אַ טייל פון מיר און ווי איך אויף שאָטן־ליכט
געשפּאָלטן;
זינט באַשאַף זי איז אין צאַנק פון גידול־בנים צער
און די שלאַנג, איר טונקעלער באַגלייטער איז פאַרשאָלטן
צוליב מיין דאָרשט צו פאַרשטייך און וועלן וויסן
זינט כ׳האָב דעם סוד צעשטערט פון חכמהדיקן עץ הדעת.
כ׳הער דו לאַכסט: שוטה! — חוה האָט טאַקע דעם עפּל
אָפּגעריסן,
אָבער אויך דו ביסט א שותף צו איר משוגעת!
לאַך זשע העכער! — דער דריטער אין דער שפּיל איז דיין
שלאַנג,
וואָס חוהס אויער גלעט מיט ליגנס אין טויזנט רייצן
אָנגעקליידט;
עס ציט איר צו געוואַגטער שפּיל, צום סוף טוט עס איר
באַנג —
דערנאָך איז זי פאַר חניפה־רייד ווידער גרייט.

— ג —

צוליב וואָס האָסטו מיך מיט אַ מוח באַשאָנקען?
בעסער וואָלט איך געבליבן אויף דער מדרגה
פון אַ בעל־חי, וואָס פרעמד איז אים ס׳טראַכטן און
געדענקען,
און נישט האָבן פון גוטס און שלעכטס די השגה.
אין מיר זענען פאַרוואָרצלט ליכט און שאָטן און כ׳ווייטיק
זייער קאַמף
ווי איך וואָלט זיין נישט איך,
נאָר איינער מן הצד, וועלכער שפּירט דעם קראַמף
פון פיין פאַר דריי.
פאַרוואָס איז דיין גרויס געשאַנק באַגרענעצט? פאַרוואָס
מוז איך טראַכטן און צו גאָרנישט זיך דערטראַכטן?!
איך בין פול מיט פחדים איבער מענטשנס מאָס,
איך לויף פון זיי — און נייע פחדים שטאָליק מיך
פאַרפלעכטן.

— ד —

מאָדערנער אדם

וויפיל ליכט־יאָר האָבן אָנגעציילט שוין דיינע פאַרשרייבער
אויפן קאַלענדאַר פון דער וועלט, ווו איך לעב?
וויפיל קאַלענדאַרן פוילן שוין אין אַ גניזה־קבר
זינט האָסט אַ שנעל געטאָן די ערד און איר באַפוילן:
שוועב!
האָסט געשאָנקען מיר אַ מוח מיט אַ פאַרנעפּלטן זכרון
געדענק איך נישט מיין פריער, וואָס איז אפשר דער
שפּעטער:
כ׳ווייס נישט צי כ׳האָב געלעבט שוין אַ מיליאָן יאָרן,
צי כ׳וועל נאָך אַ מאָל געבוירן ווערן אַ באַנייטער.
זאָג, נאָך וואָס די שפּיל? סיי ווי בלייב איך דער נאַר —
כ׳האָב קאָמפּיוטערס באַשאַפן — טויטע מאַשינען.
קאָנען מוחות אָן אַ האַרץ שפּירן מענטשלעך צער?
און איך — אויך אַ מאַשין, וואָס מוז שקלאַפיש דינען?

— ה —

כ׳פרעג נישט. כ׳שפּיר. איך מוז העכער און ווייטער
שפּאַנען.
געשטעלט שוין אַ טראָט אויף אַ סודותדיקן שטערן;
איך, אַ שטויבעלע, בין אויף אַ גרויסן הויפן שטויב
געשטאַנען
און אַלץ נאָך ניט באַנומען די סיבה פון מיין זיין און ווערן.
איז דער ווילן צו דערשפּאַנען — דער זינען פון מיין זיין?
אפשר איז דער עצם גאַנג א ברכה. — אַ קללה דאָס
דערגיין איז —
נאָך וואָס דערגיין צו הייכן מיט רום באַקרוינט,
כדי ווידער גיין דורך ווייען צו אַ נייעם בראשית?
כ׳ווייס נישט וויפיל מאָל געלעבט כ׳האָב. געשאַפן און
צעבראָכן.
איז דאָס נאָך אַלץ אדמ׳ס אור־ירושה?
געווען איז אים פאַרבאָטן צו באַטרעטן נייע שליאַכן —
שפּאַן איך אַוועק פון די נעכטנס — צו שליאַכן נייע,
טויאיק פרישע.

צווי מיליאָן פּאָלאַקן — דאָס איז פאַרשוויגן געוואָרן דורך די קעגנער פון פאָלקס־פּוילן.

אין יאָר 1956 איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע דער 20־טער צוזאַמענפאָר פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי פון רוסלאַנד.

אין ערשטן טאָג פון צוזאַמענפאָר האָט כרושטשאָוו גערעדט וועגן סטאַלינס פאַרברעכנס. ער האָט גערעדט וועגן פאַרניכטן דאָס רוסישע פּויערטום; דאָס פאַרניכטן פון מיליאָנען רוסישע מענטשן, וועגן אויסמאָרדן דורך סטאַלינען די בעסטע זין און טעכטער און די איבערגעגעבנסטע קאָמוניסטן. כרושטשאָוו האָט דערמאָנט דאָס אויסמאָרדן גרויסע טיילן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן — דעם מאָרד פון 44 טויזנט סאָוויעטישע אָפיצירן. די 20 טויזנט פּוילישע — האָט ער נישט דערמאָנט מיט קיין וואָרט.

נאָך די רעוואָלאַציעס פון ערשטן טאָג פון צוזאַמענפאָר, איז באַשלאָסן געוואָרן ארויסצוגעבן אַ בראָשור מיט כרושטשאָווס רעפעראַט, כדי זי זאָל געלייענט ווערן פאַר אַלע מיטגלידער פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט. דער צווייטער טאָג פון צוזאַמענפאָר איז געווען אַ געשלאָסענער. אָנטיילגענומען האָבן דעלעגאַציעס פון אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט. די פּוילישע דעלעגאַציע מיט ביערוטן אין שפּיץ, האָט געציילט 5 פּער־זאָן. דער צווייטער טאָג פון צוזאַמענפאָר האָט זיך אָנגע־הויבן מיטן אויסרעכענען סטאַלינס פאַרברעכנס קעגן מיט־גלידער פון פרעזידיום פון קאָמינטערן; דאָס אויסמאָרדן די צענטראַל־קאָמיטעטן פון פאַרשידענע קאָמוניסטישע פּאַרטייען; וועגן פונאַנדערלאָזן קאָמוניסטישע פּאַרטייען. ס'איז באַקאַנט געוואָרן, מיט וואָס פאַראַ מעטאָדן ס'זענען פאַרנאַרט געוואָרן קאָמוניסטישע פירער קיין רוסלאַנד און שפּעטער — דערמאָרדעט.

אין דער דיסקוסיע האָט אָנטיילגענומען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער פעדע־ראַלער רעפּובליק פון דייטשלאַנד. רעימאַן האָט דער־קלערט פאָלגנדעס: דאָס דייטשע פאָלק האָט אַ סך פאַר־ברעכנס אויף איר געוויסן, און מען דאַרף נישט די דייטשן צושרייבן אויך דאָס פאַרברעכן פון קאַטין. קאַטין, האָט רעימאַן דערקלערט איז אַ שאַנדפלעק פאַר די יעניקע, וועלכע האָבן געמאָרדעט געפאַנגענע. נאָך רעימאַנס אַרויס־טריט האָט ביערוט באַקומען דאָס וואָרט. ער האָט דער־קלערט, אַז דעם מאָרד איבער די פּוילישע אָפיצירן האָבן אויסגעפירט די נאַציס און נישט סטאַלינס מענטשן. ביערוט האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט און שפּעטער באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק. עטלעכע טעג שפּעטער איז ביערוט גע־שטאָרבן אין מאָסקווע. ווען די אַנדערע פּוילישע דעלע־גאַטן זענען צוריקגעקומען פון מאָסקווע, איז ביערוט שוין געווען באַגראָבן אויפן פּאָוואָנזקער צמענטאַזש. איי־נער פון דער פּוילישער דעלעגאַציע, אַ געוועזענער פּע־פּעסאָוויעץ, האָט איבערגעגעבן זיינע פריינד די סיבה פון ביערוטס טויט. אַ צווייטער דעלעגאַט, אַ געוויסער יאַקוב בערמאַן, האָט נאָכן צוריקקומען פון מאָסקווע רע־זיגנירט פון זיינע אַמטן, און איז געוואָרן פאַרשטומט. דער איינציקער מיט וועמען ער האָט נאָך גערעדט איז געווען — באָלעסלאַוו ביערוט. יעדן טאָג האָט מען געטראָפן בערמאַנען ביי ביערוטס קבר. דאָרט האָט ער זיך אויסגעשמועסט.

די פּוילישע רעגירונג רעאַגירט שאַרף קעגן די, וועל־כע רעדן און שרייבן וועגן קאַטין. די פּוילישע רעגירונג טוט אַלץ, אַז דאָס פאַרברעכן פון קאַטין און אַנדערע פאַר־ברעכנס זאָלן ווערן פאַרגעסן.

דער לעצטער אויפרוף פון ק.אָ.ר. וואָרנט דער פּוי־לישער רעגירונג, אַז די רעפּרעסיעס וועלכע זי ווענדט אָן צו די פּוילישע דיסידענטן, וועלן אַרויסרופן שאַרפע קעג־נערשאַפט צו די קנעכט פון מאָסקווע.

---

חיים מאלטינסקי

## אין נתניה׳ער פּאַרק...

אַ יולי־אָוונט. כ׳גיי איבערן פּאַרק
און ווי מיין שטייגער — איינגעמידט זיך שטאַרק
און אויף אַ באַנק איך וויל זיך זעצן. נאָר —
עס קושט זיך, כ׳זע, אויף איר אַ יונגע פּאָר.
בין איך דען ניט געוועזן יונג אַליין? —
און צו אַ צווייטער באַנק איך לאָז מיר גיין,
כ׳מוז אָפּרוען... דערנענטער זיך און — אומדערוואַרט —
אַ מיידל קושט אַ בחור הייס און צאַרט...
„זע לא נרה" — גיב איך אַ שטילן לאַך —
אין פּאַרק נתניה׳ער זענען בענק א סך.
צו, אפשר, זאָל איך קערן זיך צוריק? —
ניין, ניין, פאָרויס! און ווידער כ׳קום צו גליק..
נאָר קוים וואָס כ׳שלעפּ זיך, ס׳ברעכן זיך די קני
און צו דער פערטער באַנק, דער לעצטער באַנק זיך צי...
און ראַפּטאָם כ׳הער; מיך רופט אַ קול:
„קום, אַלטער, זעץ זיך צו, ווער נישט נתפעל,
מיר זעען, ווי דו טופּעסט אַזוי שווער,
קום, קום, מיר וועלן זיך ניט קושן מער..."

✶

אַנטשלאָסן גענומען אין זיינער איר האַנט
און זי פון דער זיסער און נאָגנדער שרעק,
גייט פאַרחלשט אים נאָך אויפן גלוסטיקן וועג,
וואָס איז עובר די בושה פון שאַנד...

---

דימיר בוקאָווסקי, גענעראל גרעגאָרענקאָ, ליטווינאָוו און אַנדערע.

אין 1939 האָט די פּוילישע אַרמיי זיך געגרייט צו אָר־גאַניזירן אַ פּאַרטיידיקונגס־ליניע אין מזרח פּוילן.

דעם 17טן סעפּטעמבער האָבן די סאָוויעטן אַריינמאַר־שירט קיין פּוילן און גענומען אין געפאַנגענשאַפט איבער הונדערט טויזנט סאָלדאַטן און אָפיצירן. 20 טויזנט אָפי־צירן פון פאַרשידענע ראַנגעס זענען אריינגעוואָרפן געוואָרן אין דריי קאָנצענטראַציע־לאַגערן: קאָזיעלסק; אָסטאַשקאָוו און סטאַראָביעלעסק. די אָפיצירן האָבן געהאַט דאָס רעכט צו שרייבן צו זייערע פאַמיליעס. אין אַפּריל 1940 איז מיט איינמאָל איבערגעריסן געוואָרן די פּאָסט־פאַרבינדונג מיט די אינטערנירטע פּוילישע אָפיצירן. דער אומגעריכטער אָנפאַל פון נאַצי־דייטשלאַנד אין יוני 1941 האָט פולשטענ־דיק דעמאָראַליזירט דעם סאָוויעטישן אונטערדריקונגס־אַפּאַראַט און גאַנצע דיוויזיעס האָבן זיך אונטערגעגעבן אָן איין שאָס צו די דייטשן.

די נאַציס האָבן אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג פאַר־נומען ריזיקע שטחים פון מזרח־פּוילן און ווייסרוסלאַנד. פאַר דער באַפעלקערונג, ספּעציעל פאַר דער יידישער, האָט מיטן אַריינמאַרש פון די נאַציס זיך באַלד אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער טעראָר. זעלטן ווען ס'איז געלונגען זיך צו ראַטעווען און אַנטלויפן קיין רוסלאַנד. אין יוני 1943 האָבן די נאַציס אין וואַלד פון קאַטין אַנטדעקט מאַסן־קברים פון טויזנטער פּוילישע אָפיצירן. ווי ס'האָט פעסטגעשטעלט אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע פון רויטן קרייץ, האָבן די געפונענע אָפיצירן געשטאַמט פון קאָנ־צענטראַציע־לאַגער קאָזיעלסק. קברים פון די אַנדערע אָפיצירן — פון לאַגער אָסטאַשקאָוו און סטאַראָביעלסק זענען קיינמאָל נישט געפונען געוואָרן, און ביזן היינטיקן טאָג ווייסט מען נישט ווען, און ווו זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן.

ווען ס'זענען אָנגעקניפּט געוואָרן באַציאונגען צווישן דער עמיגראַנטישער פּוילישער שיקאָרסקי־רעגירונג און סאָוויעט־רוסלאַנד — האָט זי פאַראָרדנט אַן אַמנעסטיע פאַר אַלע פּוילישע בירגער — אינטערנירטע אין די לאַ־גערן, תפיסות און פאַרשיקונגען. אין 1942 הייבט זיך אָן צו פאָרמירן אַ פּוילישע אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראל אַנדערס. צו די מיליטערישע ווערביר־פּונקטן האָבן געשטראָמט צענדליקער טויזנטער פּאָלאַקן, יידן אוק־ראַינער, ווייסרוסן, וועלכע האָבן געהאַט דעם פאַרלאַנג צו פאַרלאָזן די אוממענטשלעכע ערד. די ניי־אַנטשטאַנענע אַנדערס־אַרמיי האָט זיך שטאַרק געניטיקט אין קאַדרען פון אָפיצירן, אָבער די האָבן זיך נישט צוגעשטעלט.

די פּוילישע אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע האָט זיך פיל מאָל געוואָנדן צו די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען וועגן באַפרייען די פּוילישע אָפיצירן, וועלכע זענען אינטערנירט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1939, ווען די סאָוויעטן האָבן פאַרנומען מזרח־פּוילן. די ווענדונגען זענען דערגאַנגען צו מאָלאָטאָוו און שפּעטער צו סטאַלינען. דער פּוילישער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, פּראָפעסאָר קאָט האָט צוגע־שטעלט סטאַלינען אַ גענויע ליסטע מיט די נעמען פון די 20 טויזנט אָפיצירן אין זייערע ראַנגעס. די פירער פון סאָוויעט־רוסלאַנד האָבן דערקלערט, אַז אַלע פּוילישע ביר־גער זענען געוואָרן אַמנעסטירט און געפינען זיך אויף דער פריי.

ערשט ווען די נאַציס האָבן אַנטדעקט אין קאַטינער וואַלד, אין יוני 1943 די מאַסן גריבער מיט די 8000 פּוי־לישע אָפיצירן, ביי וועלכע ס'זענען געפונען געוואָרן בריוו מיט רוסישע פּאָסט־מאַרקן און שטיקלעך צייטונגס־פּאַפּיר אין רוסיש מיט די דאַטעס פון אפּריל 1940, האָבן די נאַציס באַשולדיקט די סאָוויעטן אין דעם מאָרד. די נאַצי־פּראָ־פּאַגאַנדע האָט באַווירקט דורך אירע נייטראַלע קאָנסולן די פּוילישע עמיגראַציע־רעגירונג, און זי האָט געפאָדערט פון מאָסקווע אַן אויפקלערונג.

אָנשטאָט אַן אויפקלערונג האָבן די סאָוויעטן איבער־געריסן די באַציאונגען מיט דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן.

די אַליאירטע: ענגלאַנד און אמעריקע האָבן אַלץ גע־טאָן, אַז דער ריס צווישן שיקאָרסקין און סטאַלינען זאָל פאַרגלעט ווערן. די פּוילישע עמיגראַציע און די אונטער־ערדישע דעלעגאַטור אין פּוילן האָבן אויפגעהויבן אַ גוואַל־דיקע פּראָפּאַגאַנדע קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד; די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע איז געווען קעגן די אינטערעסן פון אמעריקע און ענגלאַנד.

סוף יאָר 1943, איז אומגעריכט געקומען די עראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע אין דער געגנט פון גיבראַלטאַר אין וועל־כער שיקאָרסקי איז אומגעקומען. ביז היינט איז נישט באַוווּסט: איז די קאַטאַסטראָפע איניציאירט געוואָרן דורך די אַליאירטע, אָדער דורך דעם געהיים־דינסט פון סטאַלינען.

ווען פּוילן איז באַפרייט געוואָרן דורך דער סאָוויעט־טישער אַרמיי, האָט זי גלייכצייטיק געבראַכט מיט זיך אַ פּוילישע רעגירונג — די אַזוי גערופענע לובלינער־רעגירונג מיט ביערוטן אין דער אָנפירערשאַפט. זי איז זייער שלעכט אויפגענומען געוואָרן דורך דעם אונטער־גרונד, און דער פּוילישער באַפעלקערונג. די פּוילישע באַפעלקערונג האָט אין דער ערשטער רייע געפאָדערט אַן אויפקלערונג וועגן די 20 טויזנט פּוילישע אָפיצירן וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די סאָוויעטן. ס'איז אפילו דערמאָנט געוואָרן, אַז צווישן די דערמאָרדעטע אָפיצירן האָבן זיך געפונען 600 יידישע אָפיצירן.

ביערוט, דער דיקטאַטאָר פון דער לובלינער רעגירונג און שפּעטער פון דער ציטווייליקער רעגירונג, האָט דער־קלערט אין זיינע עפנטלעכע ארויסטרעטונגען — אַז די פּוילישע אָפיצירן זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס. אינטערעסאַנט: דער פּוילישער מענטש האָט די טראַגעדיע פון קאַטין קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ביי יעדע געלעגנהייט, האָט די אונטערערדישע באַוועגונג און דאָס פּוילישע פאָלק גערעדט און געשריבן וועגן קאַטין, דאָס אומברענגען דורך די נאַציס 3 מיליאָן פּוילישע יידן און

לוציע און זענען שוין געווען אָפּגעריסן פון יידישקייט האָבן פּלוצעם געעפנט די אויגן, זיי האָבן אָנגעהויבן צו ספקן צי הער נצחון איבערן דייטשישן פאַשיזם באַטייט טאַקע באמת פולע זיכערקייט פאַרן יידישן פאָלק, אַפילו אין ראַטנפאַרבאַנד.

אַ סך פון די יידן אין דער רויטער אַרמיי האָבן זיך נישט מער באַנוגנט מיט אָפיציעלע דערקלערונגען און האָבן אָנגעהויבן צו פרעגן פאַרשיידענע שאלות. קודם האָבן זיי דעריבער גערעדט אין פאַרשלאָסענע צימערן, אָבער שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן צו קומען גרופּעסווייז אין ראָטשילד־שפּיטאָל און פאָדערן מען זאָל זיי איבער־שיקן אין איינעם מיט יידישע פּליטים קיין ארץ ישראל. די זאַך איז געוואָרן ערנסט און דער „מוסד" האָט געדאַרפט געבן אַן ענטפער צי ער איז גרייט צו העלפן יידן אַנטלויפן פון דער רויטער אַרמיי, כדי צו קומען קיין ארץ ישראל. דאָס איז געווען אַ קאָמפּליצירטע פּראָבלעם, אַ זייער דע־ליקאַטע אין פּאָליטישן זינען. די ענגלענדער האָבן נאָכ־שפּיאָנירט אויף יעדן טראָט די אַקטיוויטעט פון „מוסד" און האָבן אַלץ געטאָן כדי צו שטערן די עליה פון יידישע פּליטים. ווען די ענגלענדער זאָלן זיך איצט הערוויסן אַז מיר העלפן דעזערטירן פון דער רויטער אַרמיי, וועלן זיי אויפהעצן קעגן אונדז דעם ראַטנפאַרבאַנד און דאָס וועט שטעלן אין סכנה אונדזער גאַנצע אַרבעט אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער וואָס געפינען זיך אונטער סאָוויע־טישער השפּעה.

נאָר אַ קליינער טייל פון אונדזערע חברים האָבן גע־ווּסט וועגן דעם דאָזיקן פּראָבלעם. מען האָט באַשלאָסן אַז איינער פון אונדז, פון די ארץ־ישראלדיקע סאָלדאַטן, זאָל פּרוּוון באַקומען אַן אורלויב כדי אויפצוקלערן דעם ענין מיט די ציוניסטישע אינסטיטוציעס אין לאַנד. אַזוי ווי איך האָב שוין מער ווי א יאָר נישט געהאַט קיין אור־לויב, האָט מען באַשלאָסן מיך צושיקן.

ווען איך בין אָנגעקומען אין חיפה, האָב איך זיך תיכף פאַרבונדן מיט דודקע נמרי און ער האָט באַלד איינגעאָרדנט א באַגעגעניש מיט בן־גוריונען. איך האָב אָפּגעגעבן א באַריכט וועגן די יידישע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי וואָס פאָדערן מיר זאָלן זיי העלפן קומען קיין ארץ ישראל. אויף דער שאלה וויפל אַזעלכע סאָלדאַטן עס זענען פאַראַנען האָב איך געענטפערט אַז דאָס הענגט אין גאַנצן אָפּ פון אונדז. אויב מיר וועלן זיי העלפן — קענען זיין אַפילו טויזנטער, אויב נישט — וועלן זיך נאָר איינצלנע דורכרייסן קיין איטאַליע מיט אייגענע כוחות און זיך אָנשליסן אין די פּליטים. איך האָב אויך דערקלערט אַז דאָס זענען מענטשן וואָס האָבן אַ סך יאָרן געדינט אין דער רוסישער אַרמיי, זענען באַהאַוונט אין מיליטערישע ענינים און קענען דעריבער זיין זייער ניצלעך פאַר אונדז.

איך האָב געזען אויפן פּנים פון בן־גוריונען זיין אי־נעווייניקסטן קאַמף. ער האָט אוודאי געוואָלט פונעם גאַנצן האַרצן אַז די דאָזיקע יידן זאָלן זיין ביי אונדז, אָבער ער האָט אויך געזען די סכנות וואָס זענען דערמיט פאַרבונדן. ער האָט דעם ענטפער אָפּגעלייגט אויף מאָרגן און צו מאָרגנס האָט ער געגעבן א נעגאַטיוון ענטפער. ער האָט דאָס דערקלערט מיט די ווייטערדיקע ווערטער: היות די אַליאירטע האָבן באַזיגט דעם פאַשיזם, איז קיין ספק נישט אַז די וועלט שטייט פאַר א שלום־קאָנפערענץ וואָס וועט באַשליסן די נייע גרענעצן פון דער וועלט. עס איז קלאָר אַז מיר וועלן קומען אַהין פאָדערן א יידישע מדינה און דערצו וועלן מיר זיך נייטיקן אין דער הילף פון אַלע אַליאירטע, בתוכם דעם ראַטנפאַרבאַנד. דערפאַר מוזן מיר זיין פאָרזיכטיק און נישט טאָן קיין זאַך וואָס זאָל גורם זיין אַז דער ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער וועט האָבן א גרויס וואָרט ביי דער שלום־קאָנפערענץ מחמת זיינע ריזיקע פאַרלוסטן, זאָל זיין קעגן אונדז.

צום סוף האָט בן־גוריון צוגעגעבן: „דאָס הייסט אָבער נישט אַז מיר וועלן נישט העלפן די יידישע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי וואָס וועלן זיך דערשלאָגן קיין איטאַ־ליע מיט אייגענע כוחות צו קומען קיין ארץ ישראל אויף אונדזערע וועגן".

דאָס איז געווען דער פּסק־דין פון בן־גוריונען און אין דעם האָבן מיר זיך געהאַלטן, עס איז געווען שווער צו דערקלערן די יידישע סאָלדאַטן אונדזערע אינעווייניקסטע סיבות, פאַר וואָס מיר קענען זיי נישט העלפן. דערפאַר זענען טאַקע צו אונדז דערגאַנגען דעמאָלט נאָר איינצלנע און נישט טויזנטער, וואָס האָבן געוואַרט אויפן ערשטן שטויס פון אונדזער זייט.

---

ו. יאַבלאָנסקי

# קאַטין

אין דער לעצטער צייט, איז פּוילן פאַרפלייצט מיט פלוג־בלעטער און אומלעגאַלע אויסגאַבן וועגן קאַטין.

גרופּן פון אַרבעטער, סטודענטן, געלערנטע, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע ק.אָ.ר. (קאָמיטעט צו פאַרטיידיקן אַרבעטער) פאַרלאַנגען אין זייערע אויסגאַבן און ארויסטרעטונגען, אַז די פּוי־לישע רעגירונג זאָל זיך ווענדן צום סאָוויעטן־פאַרבאַנד, וועגן אַדורכפירן אַן אויספאָרשונג און באַשטראָפן די שול־דיקע אין דעם מאָרד פון די 20 טויזנט פּוילישע אָפי־צירן, וועלכן ס'האָט דורכגעפירט די נ.ק.וו.ד. אין אַפּריל 1940.

גלייכצייטיק האָבן דיסידענטן אין סאָוויעט־רוסלאַנד געלאָזט וויסן אין זייערע אומלעגאַלע אויסגאַבן — אַז זיי, די פאַרטיידיקער פון מענטשן־רעכט, האָבן קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם מאָרד אין קאַטין און פאָדערן פון דער סאָוויעטישער מאַכט צו פאַרעפנטלעכן די מאַטעריאַלן און די נעמען פון שולדיקע פון דעם גרויזאַמען מאָרד אי־בער די געפאַנגענע, פון 17טן סעפּטעמבער 1939.

די סאָוויעטישע דיסידענטן, וועלכע געפינען זיך אין אויסלאַנד סאָלידאַריזירן זיך מיט זייערע חברים אין רוסלאַנד. אונטערגעשריבן זענען: אַנדרעי אַמאַלריק, וולאַ־

ציווילן לעבן אַ וואַסער־אינזשיניער. היות איך האָב נישט גוט פאַרשטאַנען רוסיש — צווישן טשעכיש און רוסיש איז אַ גרויסער חילוק — האָט ער צו מיר גערעדט יידיש. אונדזער בשותפותדיקער אינטערעס איז געווען די שינאה קעגן די דייטשן. אַחוץ דעם זענען מיר אויך ביידע געווען נייגעריק און איטלעכער האָט געוואָלט וויסן וואָס דער צווייטער טראַכט. בעיקר זענען מיר געווען פאַראינטערע־סירט צו הערן וועגן ברידער פון וועלכער מיר זענען געווען אָפּגעריסן צענדליקער יאָרן. מיר זענען תיכף גע־וואָרן גוטע פריינד און האָבן באַשלאָסן זיך אָפּטער צו באַגעגענען. מייזליש האָט געוווּסט וואָס צו פרעגן, ער האָט נאָך נישט געהאַט פאַרגעסן אין גאַנצן זיין יידישע דער־ציאונג און אויך נישט דעם רושם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג וועגן וועלכער ער האָט געהערט אין די קינדער־יאָרן.

אַ דאַנק דעם פאַלקאָוניק מייזליש האָב איך זיך באַקענט אויך מיט אַנדערע יידישע אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי. אַלע וואָס זענען געווען בערך אין זיין על־טער האָבן אויף מיר געמאַכט דעם זעלבן רושם: אָפּגעריסן פון יידישן פאָלק, אָבער נישט אָפּגעפרעמדט. די אכזריות־דיקע מלחמה אין וועלכער עס זענען חרוב געוואָרן גאַנצע יידישע קהילות, האָט ווידער אין זיי דערוועקט דאָס באַוווּסטזיין פון א בשותפותדיקן גורל. כמעט אַלע האָבן געוואָלט וויסן וואָס עס איז געשען מיט די יידן וואָס זענען אַוועק פון אייראָפּע און האָבן זיך באַזעצט אין ארץ ישראל. זיי האָבן כסדר געפרעגט צי עס וואַקסט אין ארץ ישראל אַ נייער טיפּ ייד, מיט אַ דורכאויס נאַציאָנאַל באַוווּסטזיין.

די אָפטע באַגעגענישן מיט די יידיש־רוסישע אָפי־צירן האָבן אַרויסגערופן ביי מיר אַ געדאַנק צו אָרגאַניזירן אַ טרעפונג צווישן יידישע סאָלדאַטן פון אַלע אַליאירטע אַרמייען און די שארית־הפליטה וואָס געפינט זיך אין ראָטשילד־שפּיטאָל, כדי אויף אַזאַ אופן צו באַווייזן אַז דאָס יידישע פאָלק לעבט. די פראַגע איז נאָר געווען ווי אַזוי דאָס צו טאָן, כדי נישט צו דערוועקן קיין חשד ביי דער רוסישער איבערקאָמאַנדע פון עסטרייך. מייזליש האָט פאָרגעשלאָגן מען זאָל צוגרייטן א פורים־פאַרוויילונג פאַר אַלע יידישע סאָלדאַטן פון די אַליאירטע אַרמייען בשותפות מיט די פליטים פון ראָטשילד־שפּיטאָל. די איניציאַטיוו פאַר אַזאַ מסיבה דאַרף קומען פון דער יידישער קהילה אין ווין. ער איז געווען איבערצייגט אַז נאָר אַזוי וועט מען דערלויבן די יידישע סאָלדאַטן פון דער רוסישער אַרמיי זיך צו באַטייליקן. די יידישע קהילה וועט מען נישט חושד זיין אַז זי מאַכט נאַציאָנאַליסטישע אָדער מערבדיקע פּראָ־פּאַגאַנדע.

מיינע פריינד פון דער ענגלישער און אַמעריקאַנישער אַרמיי, און בעיקר טייכהאָלץ, דער פאַרוואַלטער פון דעם ראָטשילד־שפּיטאָל, זענען גאָר באַגייסטערט געוואָרן פון דעם דאָזיקן פּלאַן. טייכהאָלץ האָט אויף זיך גענומען צו באַקומען פון דזשאָינט די נייטיקע פּראָדוקטן פאַר דער מסיבה און איך האָב זיך געדאַרפט צופרידן מיט דער אָנפירונג פון דער יידישער קהילה. אַלע האָבן געגעבן זייער הסכמה. בעיקר איז די פאַרוואַלטונג פון דזשאָינט געווען צופרידן אַרויסצורייסן די פליטים פון דעם טרויעריקן רוטין זייערן און זיי אַ ביסל דערמוטיקן. פאַר וואָר: ס'איז נישט צו באַשרייבן די באַגייסטערונג פון די פליטים ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט פון דעם דאָזיקן פּלאַן. זיי האָבן געפילט דאָס באַדערפעניש א ביסל צו פאַרגעסן אין זייערע צרות. עס האָבן זיך געיאָוועט צווישן זיי קינסט־לערס וואָס זענען גרייט געווען צו העלפן אַז די מסיבה זאָל מצליח זיין. די יידישע קהילה האָט צוגעשטעלט אינסטרומענטן און עס איז אין גיכן געשאַפן געוואָרן אַן אָרקעסטער.

וואָס שייך עסן און טרינקען האָבן מיר זיך בעיקר פאַרלאָזט אויף טייכהאָלצן. ער האָט מאָביליזירט אַלע אָרגאַניזאַציעס אין ווין וואָס האָבן געבראַכט פון כל טוב. פאַרשטייט זיך אַז מיר, די סאָלדאַטן, זענען אויך נישט געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט. כדאי צו באַטאָנען אַז אַלע קאָמענדאַנטורן זענען געווען ברייטהאַרציק און האָבן געשענקט פאַר דער מסיבה קאָנסערוון, משקה, זיסוואַרג און פּאַפּיראָסן. אַפילו די רוסישע קאָמענדאַטור האָט גע־שיקט וואָדקאַ און קאַוויאַר, כאָטש זיי האָבן אַליין נישט געהאַט קיין סך.

ווער עס האָט נישט געזען די פורים־מסיבה אין ווין, אין 1946, אין ראָטשילד־שפּיטאָל, ווייס נישט וואָס עס באַטייט אמתע פרייד. אַלע צוימען זענען זיך פונאַנדער־געפאַלן און די מענטשן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין איין גרויסער משפחה. אין יענעם אָוונט זענען פאַרשוווּנדן אַלע שפּראַך־אונטערשיידן און אַלע האָבן פלוצעם פאַרשטאַנען יידיש, די שפּראַך וואָס יידן האָבן גערעדט זינט צענדלי־קער דורות. די שימחה האָט געדויערט ביז פאַר טאָג. נאָכן עסן האָט מען געטאַנצט אין אַלע זאַלן פונעם שפּיטאָל. מענטשן האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביי די הענט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אַז עמעצער זאָל זיי נישט פונאַנדער־טיילן. זיי האָבן געזונגען, אין דער אמתן אַרויסגעשריגן:
„די קייט איז נישט צעריסן געוואָרן, זי ציט זיך ווייטער...”
(„עוד לא נותקה השרשרת...”)

דער הויכפּונקט פון דער שימחה איז געווען די האָראַ. האַנט אין האַנט, אין א רינג, האָבן געטאַנצט די פליטים מיט די יידישע סאָלדאַטן פון אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנק־רייך, רוסלאַנד און ארץ־ישראל בעתן טאַנצן, וואָס האָט געדויערט שעהן־לאַנג, האָט מען געהערט אויסרופן: עם ישראל חי! אייניקע האָבן אַריינגעשריען די שאלה: „ווער זענען מיר”? און אַנדערע האָבן דערויף געענטפערט: „יידן זענען מיר”! ווער עס האָט דאָס געזען קען זיך פאַרשטעלן ווי עס האָט אויסגעזען דער מעמד הר סיני, ווען יידן האָבן אויסגערופן נעשה ונשמע.

די מסיבה האָט געמאַכט א גוואַלדיקן רושם אויף די סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי. זיי האָבן דערזען אַ וועלט וועגן וועלכער זיי האָבן שוין כמעט נישט געוווּסט, אַ וועלט פון יידן וואָס זענען נישט גרייט מקריב צו זיין זייער גרויסן עבר אויפן מזבח פון דער וועלט־רעוואָלוציע. יונגע־לייט וואָס זענען געבוירן געוואָרן נאָך דער רעוואָ־

עס איז געשען אַזוינס וואָס מען האָט אַמווייניקסטנס געקענט דערוואַרטן: נישט די שוידערלעכע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, נישט דער אויפקום פון מדינת־ישראל האָבן געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון יידישן לעבן אין אַמעריקע. דער אַסימילאַציע־פּראָצעס גייט ווייטער אָן אין אַ פּראָגרעסיווער ליניע; דער ווייט־גרעסטער טייל פון דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע שטייט פון דער־ווייטנס און איז לחלוטין אָפּגעפרעמדט פון יידישן לעבן און פון זיינע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און אַקטיוויטעטן.

קען די יידישע דערציאונג אַליין אַרויסהעלפן אין דעם דערמאָנטן נאַציאָנאַלן קריזיס? יאָ, זי וואָלט געקענט אַ סך אויפטאָן, ווען זי וואָלט נישט געווען איזאָלירט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן; ווען די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט וואָלט געווען באַוווּסטזיניק וועגן דעם קריזיס וואָס זי מאַכט דורך; ווען זי וואָלט געווען אומרואיק און אויפגערודערט צוליב דער געפאַר פאַר יידיש לעבן וואָס רוקט זיך אָן און זי וואָלט גרייט געווען אַריבערצוגיין צו אַקטיווער פאַרטיידיקונג מיט דער הילף פון פאַרשטאַרקטער נאַציאָנאַלער דערציאונג און אַנדערע נאַציאָנאַלע אַקטיוויטעטן.

זייער אָפט הערן זיך טענות, אַז די דערגרייכונגען פון דער יידישער דערציאונג זענען נישט באַפרידיקנדיקע, אוודאי זענען זיי נישט גענוג באַפרידיקנדיקע און ווייט פון דעם אידעאַלן ציל, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט און צו וועלכן מיר שטרעבן. צי האָבן מיר, אָבער, נישט ביי אונדזערע דערמאָנטע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען אַ היפּש ביסל יאָ דערגרייכט?

די טענות קעגן די ווייניקע דערגרייכונגען פון דער שול זענען, נאַטירלעך, געווענדעט אויך און אפשר דער עיקר, קעגן די יידישע לערער. איז אָט וואָס דער לערער קען ענטפערן אויף די דאָזיקע טענות:

ער פילט זיך איינזאַם און אָפט מאָל אומבאַהאָלפן אין זיין דערציערישער אַרבעט און אָנשטרענגונגען; ער געפינט נישט קיין פאַרשטענדעניש און מיטהילף אין ערגעץ נישט — נישט ביי דער געזעלשאַפט און נישט ביי די דירעקט פאַראינטערעסירטע עלטערן; די עלטערן, די היי־

(סוף אויף זייט 24)

# א רירנדיקע באַגעגעניש פון יידישע רויטאַרמייער מיט שארית הפליטה

שמעון אָרענשטיין

**פונעם בוך „אין געראַנגל" וואָס גייט בקרוב אַרויס אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב**

(דער מחבר האָט זיך בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה פרייוויליק מאָביליזירט אין ארץ ישראל אין דער בריטישער אַרמיי און האָט זיך ווי אַ בריטישער זעלנער געפונען אין ווין נאָך דער באַפרייאונג. דאָ האָט ער געהאָלפן אָרגאַניזירן די אומלעגאַלע עליה פון די יידישע פליטים ממש אונטער דער נאָז פון דער ענגלישער מיליטער־מאַכט).

אין ווין האָב איך זיך באַקענט, בעיקר דורך מיין אַרבעט מיט יידישע סאָלדאַטן פון די אַמעריקאַנישע, ענגלישע, פראַנצויזישע און רוסישע אָקופּאַציע־אַרמייען. צווישן די ענגלישע יידן זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן נישט אָנגעהויבן צו וויסן וועגן אונדזערע ציוניסטישע און כלל־יידישע פּראָבלעמען. אָבער נאָך דעם ווי זיי זענען איין מאָל געווען אין ראָטשילד־שפּיטאָל, האָט זיך דערוועקט אין זיי דאָס יידישע האַרץ. די יידישע סאָלדאַטן פון אַמעריקע זענען אויך גרייט געווען צו העלפן. קודם־כל האָבן זיי געבראַכט אין ראָטשילד־שפּיטאָל כל מיני דעליקאַטעסן און דערפאַר האָבן זיי די פליטים באַטראַכט ווי „רייכע פעטערס". אין דער פראַנצויזישער אַרמיי זענען געווען ווייניק יידן, ווייל אין פראַנקרייך זענען בכלל געבליבן ווינציק יידן. אָבער די געציילטע וואָס מיר האָבן באַגעגנט זענען געווען וווּנדערלעכע יינגלעך. ביי זיי איז נישט געווען אַזאַ שפע ווי ביי די אַמעריקאַנער, אָבער זיי האָבן ממש אָפּגעשפּאָרט פון מויל און געבראַכט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט אין ראָטשילד־שפּיטאָל פאַר די יידישע פליטים, וואָס זענען דאָרט געווען פאַרזאַמלט.

די עיקר־שוועריקייטן האָבן מיר געהאַט מיט די יידן וואָס האָבן געדינט אין דער רויטער אַרמיי. פאַרמעל זענען די רוסן געווען אַליאירטע, גלייך מיט די אַמעריקאַנער און ענגלענדער אָבער אין דער אמתן זענען זיי געווען אָפּגעזונדערט דורך א פלויט פון שטעכלדראָט, איינגעשלאָסן אין דעם רוסישן ראַיאָן. די פּאָליטישע קאָמיסאַרן האָבן געהאַלטן אַן אויג, אַז רוסישע סאָלדאַטן זאָלן זיך נישט חברן מיט די אַמעריקאַנער און בעיקר מיט די ענגלענדער. די סאָוויעטן זענען געווען אין כעס אויף די ענגלענדער, מחמת דער רעדע פון טשערטשילן, וואָס האָט געוואָרנט די דעמאָקראַטישע וועלט, אַז די רוסן ווילן איינגעמען דעם מערב, דווקא איצט ביים סוף פון דער מלחמה. אָט די רעדע האָט געשאַפן אַ שפּאַנונג צווישן די סאָלדאַטן און אַפילו אַרויסגערופן שינאה.

אין פאַרבינדונג מיט מיין אַרבעט, ווי דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר טראַנספּאָרט־ענינים אין דער אַס־פאַנג־באַנסטאַנציע, איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיטן קאָמענדאַנט פון דעם רוסישן ראַיאָן אין ווין, פּאָלקאָווניק מייזליש. ווין איז דעמאָלט שוין געווען צעטיילט אין פיר ראַיאָנען — אַמעריקאַנישער, ענגלישער פראַנצויזישער און רוסישער — און איטלעכער ראַיאָן האָט געהאַט זיין קאָמענדאַנט.

מייזליש, אַ מענטש אין די פופציקער, איז געווען אין

גערופן אַן אומרואיקייט אין די ערנסטע אינטעלעקטועלע קרייזן און מען שטעלט זיך די פראַגע, ווי ווייט וועט דאָס דערגיין און צו וואָס קען אַזאַ רעוואָלט לשם רעוואָלט דערפירן? דער באַרימטער שרייבער און דענקער פ. גוד־מאַן זאָגט: „ווען די הייַנטיקע יוגנט קוקט זיך אום אויף צוריק צו אַזעלכע שאַפונגען ווי אַ ביבל, צו דער געדאַנ־קען־וועלט פון הוש. לאָק און עמנואל קאַנט, זעען זיי פאַר איר אויס ווי אומרעאַל. זיי, די יונגע, ווילן זיך אויסטרעטן זייער אייגענעם וועג. דאָס פאַרלירן די טראַדיציע איז טראַגיש דערפאַר, ווייל אַ גענעראַציע קען נישט אָפּרייסן זיך אין גאַנצן פון א פאַרגאַנגענהייט און אַריין אין גאַנץ נייע לעבנס־פאַרמען, אָן שום שייכות צו דער פאַרגאַנגענ־הייט".

„גאָט איז טויט" איז געוואָרן די מאָדערנסטע לאָזונג פון אַ טייל קאַטוילישע און פראָטעסטאַנטישע טעאָלאָגן און אַפילו ראַבאַיס; דער פערזענלעכער גאָט וואָס זיצט אויפן טראָן דאָרט אויבן אין הימל און פירט אָן מיט אונדז אַלע דאָ אויף דער ערד איז געשטאָרבן, זאָגן זיי. נאָך אין 19־טן יאָרהונדערט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די מאָדערנע וויסנשאַפטן און ער איז אוודאי נישט אָנ־נעמבאַר הייַנט, ווען מיר זענען שוין אַרויפגעקומען צו דער לבנה. אוודאי האָבן די דאָזיקע מיינונגען און געדאַנ־קען וועגן גאָט אַרויסגערופן א גרויסן שטורעם אין דער רעליגיעזער וועלט, אָבער כאַראַקטעריסטיש זענען זיי פאַר דער צעטומלטקייט און אומרואיקייט פון דער צייט, אין וועלכער מיר לעבן. דער גלויבן אין גאָט, איינער פון די הויפּט־זיילן פון דער טראַדיציע, האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק וואַקלען אַפילו אין אַזעלכע קרייזן, וווּ מען האָט זיך געקענט אַמווייניקסטן ריכטן. אָט די דאָזיקע טעאָלאָגן האַלטן זיך לגמרי נישט פאַר קיין אַטעאיסטן, זיי מיינען בלויז, אַז דורך גאָטלאָזיקייט וועלן זיי ראַטעווען דעם העכערן און טיפערן גלויבן.

אַ צווייטער זייער שטאַרקער זייל פון טראַדיציע איז געווען די פאַמיליע וואָס האַלט אויך שוין ביים ענדגילטיקן איינברעכן זיך. עלטערן און קינדער, בפרט אַביסל על־טערע, זענען געוואָרן אויס אינטימער משפחה־קאָלעקטיוו. די יסודות פון פאַמיליען־לעבן, וואָס האָבן באַזירט אויף דער אינערלעכער געבונדנקייט און געטריישאַפט צווישן אירע מיטגלידער, אויף אויטאָריטעט און טיפער אַכטונג און אויף שטאַרקן פליכט־באַוווסטזיין — די אַלע יסודות זענען זיך צעפאַלן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש די האָפענונג אַז די פאַמיליע־היים וועט זיין א מקום־מקלט פאַרן יחיד צו באַשיצן אים פון די מאָראַליש־דעסטרוק־טיווע ווירקונגען פון דער צעטומלטער גאַס.

שטעלט זיך דעריבער די פראַגע, צי קען אין אונדזער הייַנטיקער טראַדיציע־לאָזער צייט דאָס אומקערן זיך צו טראַדיציע, בפרט צו רעליגיעזער טראַדיציע, באַזייטיקן אָדער אַפילו בלויז מילדערן דעם דערציאונגס־קריזיס?

אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט אונדזער ספּעציעלער דערציאונגס־קריזיס?

מען האַלט, אַז די יידישע דערציאונג דערפילט ניט איר אויפגאַבע ווי איינער פון די וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן, וואָס דאַרף שטאַרקן און אויפהאַלטן יידיש־נאַציאָנאַל לעבן. יידיש לעבן מאַכט אַדורך א שווערן קריזיס, עס ווערט אַלץ שטאַרקער די געפאַר פון דער אַנגרייפנדיקער אַסימילאַציע; די אַסימילאַציע הייבט אָן צו ווערן אַ טאָטאַלע און זי רייסט זיך אַריין אין אַלע געביטן פון אונדזער לעבן. מיר האָבן שוין צו טאָן נישט בלויז מיט אַ טאָטאַלער שפּראַך־אַסימילאַציע. די אַסימי־לאַציע אַטאַקירט און גרייפט אָן אונדזער גאַנצן לעבנס־שטייגער און דערגרייכט שוין מיט איר דעסטרוקטיווער ווירקונג צו אונדזער גייסטיקייט און מאָראַל.

ווייל מען, אַז די יידישע דערציאונג זאָל ראַטעווען, אַז זי זאָל אַרויסהעלפן אין דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון יידישן לעבן. מען דערזעט אָבער נישט דעם זייער טרוי־עריקן פאַקט, אַז די יידישע דערציאונג אַליין מאַכט א דורך אַ שווערן, שוין לאַנג־דויערנדיקן, קריזיס במשך די לעצטע צענדליקער יאָרן אין די אַמעריקאַנער לענדער.

וואָס איז געווען די יידישע דערציאונגס־אידייע, גע־שיכטלעך גענומען? לערנען תורה און מאָראַל. דאָס מיינט תורה און עבודה. דאָס לעבן האָט אויף אַזוי פיל געהאַט אַ זינען און אַ ווערט, אויף וויפל עס איז געווען אויסגעפילט מיט גייסטיקייט. יידן האָבן אין זייער טויזנט־יאָריקן גאַנג אין דער געשיכטע כסדר געטראָגן און איבערגעגעבן פון דור צו דור דעם פאַקל פון תורה און כסדר און קודם־כל געשאַפן די אינסטיטוציעס, ווו די תורה זאָל אָפּגעהיטן און אויפגעהאַלטן ווערן.

דער דאָזיקער געשיכטלעכער דערציאונגס־פּראָצעס, וואָס האָט אין פאַרשידענע היסטאָרישע פּעריאָדן דורכגע־מאַכט ערנסטע טראַנספאָרמאַציעס אין איינקלאַנג מיט די געענדערטע באַדינגונגען אין יידישן לעבן (ווי דאָס איז, למשל, געשען אין סוף 18־טן און אין 19־טן יאָרהונדערט). האָט אָנגעהויבן אין אַ גרויסער מאָס זיך איבערצורייסן אין די אַמעריקעס. עס איז א טרויעריקער פאַקט, אַז יידן אין אַמעריקע (וועגן מינדערהייטס־אויסנאַמען רעדט זיך ניט) האָבן איבערגעריסן מיט דער יידישער היסטאָריש־נאַציאָ־נאַלער פילאָזאָפיע פון ותלמוד־תורה כנגד כולם, אַז תורה איז די בעסטע סחורה און זיי האָבן איבערגענומען די אַמעריקאַנער לעבנס־פילאָזאָפיע פון „מאַכן א לעבן". און דער הויפּטציל פון לעבן איז געוואָרן אַרויפצוקלעטערן און אַרויפצודראַפּן זיך וואָס העכער אויפן סאָציאַלן לייטער און נישט אויפן קולטור־לייטער.

מיר ווילן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַקטאָרן, וואָס האָבן גורם געווען און דערפירט צו אַזאַ סיטואַציע אין יידישן אַמע־ריקע. א פאַקט איז, אַז דער קריזיס וואָס איז ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען בלויז א ספּעציפישער קרי־זיס אין יידישן לעבן אין אַמעריקע, איז נאָכן אומקום פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום געוואָרן א נאַציאָנאַלער קריזיס, ווייל אין די אַמעריקאַנער לענדער קאָנצענטרירט זיך דער רוב מנין און בנין פון יידישן פאָלק.

אינטערעסן אינעם מיטעלן מזרח. בלייבן נאָר די קאָנווענציאָנעלע מיליטערישע כוחות פון דער מערב־וועלט. די מערב־וועלט פאַרמאָגט דריי קאָנווענציאָנעלע אַרמייען: די אַמעריקאַנער אַרמיי, די „נאַטאָ" אַרמיי, וואָס איז דערווייל נישט אויסגעפּרוּווט אין קאַמף און די — אין קאַמף אויסגעפּרוּווטע — ישראל־אַרמיי. (פאַקטיש וויסן די אַמעריקאַנער קאָנגרעס־דעפּוטאַטן דעם דאָזיקן אמת, אָבער זיי זענען זיך נישט מודה און ווילן איינרעדן, אַז די אַמעריקאַנער שטיצע פאַר ישראל איז צוליב הומאַניטאַרע טעמים...)

די פּראָפּאָזיציע איז, די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה איז דער ווינקלשטיין פון דער אַמעריקאַנער פּאָליסי, צו באַשיצן אירע לעבנס־אינטערעסן אינעם מיטעלן מזרח. דער פּאַראַדאָקס איז: אַמעריקע נעמט אָנטייל אין דער באַלאַגערונג פון ישראל, וואָס שוואַכט אָפּ די יידישע מדינה. — די דאָזיקע פּראָפּאָזייע איז אויך נוגע דער גאַנצער מערב־וועלט.

עס וועט קלינגען פּאַראַדאָקסאַל: — די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה איז אויך אין די אינטערעסן פון די אַראַבישע לענדער.

נעמט דאָס קעניגרייך ירדן. די כוסיין דינאַסטיע עקזיסטירט מיטן חסד פון מדינת ישראל. אָן דער יידישער מדינה וואָלט דאָס קעניגרייך פון ירדן געפּלאַצט ווי אַ זייפן־בלאָז, און יאַסער אַראַפאַט וואָלט דאָרט עטאַבלירט אַ פּאַלעסטינער מדינה. דער פּאַראַדאָקס באַשטייט אין דעם, וואָס כוסיין האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דעם לאַגער, וואָס וואַרפט אָפּ די שלום פּאַרהאַנדלונגען.

נעמט סאַוד אַראַביע אָדער קווייט. ווען אויפן פּלאַץ פון ישראל וואָלט געווען אַ פּאַלעסטינער מדינה פון יאַסיר אַראַפאַט, וואָלטן די קעניגלעכע און פריינדלעכע רעזשימען דאָרט געהאַט אַזאַ סוף, ווי דער רעזשים פונעם פּערסישן שאַך. כל־זמן ס'עקזיסטירט די יידישע מדינה, קויפן זיך אָפּ די דאָזיקע הערשער ביי די טעראָריסטן דורך געבן זיי פינאַנסיעלע שטיצע. אין דער אונטערוועלטשפּראַך הייסט דאָס: „פּראָטעקשן־געלטער".

דער פּאַראַדאָקס איז, אַז זיי זענען קעגן די שלום־פּאַרהאַנדלונגען און האָבן אפילו סאַדאַטן ארייננעליגט אין חרם, ווען פאַקטיש איז דער סאַדאַט־רעזשים, דער גאַראַנטאָר פאַר זייער צוויי־פלההאַפטער עקזיסטענץ. זיי מוזן דאָך געדענקן, אַז דאָס איז געווען דאָס מיליטער פון סאַדאַטן, וואָס האָט געראַטעוועט דעם הערשער אין סודאַן, ווען גאַדאַפי האָט דאָרט אָרגאַניזירט אַ „פּוטש".

די עקזיסטענץ פון ישראל דינט אויך די אינטערעסן פון אַנדערע אַראַבישע מדינות, ווייל זיי וואָלטן געטאָפּטשעט אין בלוט פון מלחמות צווישן זיך (סיריע און איראַק), ווען נישט די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, וואָס שאַפט זייער כלומרשטע פּאַסאַדע פון איינהייט. וואָס פאַר אַ פּאַראַדאָקס...

✶

די לעצטע פּראָפּאָזיציע: די עקזיסטענץ פון אַ מדינה איז נישט אָפּהענגיק פון דעם, צי דאָס דינט די אינטערעסן פון רוסלאַנד אָדער אמעריקע.

אַ פאָלק לעבט, בויט און שאַפט אינערהאַלב אַ טעריטאָריע. אמת — זעלטן איז אַ פאָלק אזוי באַלאַגערט, ווי ישראל. אָבער הויפּטזעכלעך זענען פאַראַן צוויי פאַקטאָרן, וואָס פאַרזיכערן איר עקזיסטענץ: דער כוח פון דער ישראל־אַרמיי און דער ווילן פון פאָלק צו לעבן.

ווען ענגלאַנד איז געווען באַלאַגערט און לאָנדאָן האָט געברענט, האָט טשערטשיל דערקלערט: „אין דער מלחמה וועט נישט געווינען דער פאַרמעסט פון קאַנאָנען און באָמבעס, נאָר דער פאַרמעסט פון ווילן, ווילן פון אַ פאָלק צו לעבן פריי".

ס'איז דער חוב פון אַ יעדן יידן דעם דאָזיקן ווילן צו שטאַרקן.

(קאַפּיטל פון אַן עסיי)

י. ראָטנבערג

# דער דערציאונגס־קריזיס און טראַדיציע

מיר לעבן היינט אין א צייט, ווען אַלץ און אַלע ברעכן איין און רייסן איבער באַוווּסטזיניק אָדער אומבאַוווּסטזיניק מיט טראַדיציע. טראַדיציע איז געוואָרן אַלטפרענקיש, אַן אָפּגעטראָגענע זאַך, וואָס מען שעמט זיך דערמיט. וואָס פאַראַיאָרן איז געווען פריש, ניי און אולטראַ־מאָדערן, איז שוין היי־יאָר נישט אינטערעסאַנט און אפילו געשמאַקלאָז. דער באַרימטער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָג ראַלף טאָרנער ווייזט אָן, אַז עס איז היינט שווער צו געפינען אַן אינסטיטוציע, אַן אידייע, אַן אַקטיוויטעט וואָס מענטשן זאָלן וואָגן צו שטיצן און צו פאַרטיידיקן אין נאָמען פון טראַדיציע — נישט גאָט, נישט פאָטערלאַנד, נישט די הייליקייט פון דער פאַמיליע און אפילו נישט בייסבאָל, דער אויטאָמאָביל און פּסיכאָאַנאַליז. אַלץ וואָס עס איז געווען נאָך געווען גוט און שיין, טויג שוין היינט צו גאָרנישט. מען רעוואָלטירט קעגן אַלץ וואָס עס איז היינט, נישט ווייסנדיק אַפילו וואָס מאָרגן דאַרף זיין.

איז אָט די דערשיינונג גוט אָדער שלעכט? וועגן דעם קען מען אַ סך דיסקוטירן, זי איז יעדנפאַלס אַ פענאָמען פון אונדזער צייט, אין וועלכער עס ווערן נישט נאָר איבערגעשאַצט אַלע אָנגענומענע און אָנערקענטע ווערטן, נאָר זיי ווערן בכלל אָפּגעוואָרפן. מען רעוואָלטירט אין נאָמען פון רעוואָלטירן, נישט האָבנדיק אַפילו קאָנקרעט קעגן וואָס און פאַרוואָס צו רעוואָלטירן. די דאָזיקע טענדענץ פון אַרונטעררייסן, צעברעכן און צעשטערן אַלץ וואָס האָט נאָר דעם מינדסטן סימן אָדער אָנדייט פון סטאַביליטעט, איינגעשטעלטקייט אָדער... טראַדיציאָנעלקייט, קומט צום אויסדרוק אויף אַלע געביטן: אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אין דער קונסט אין דער ליטעראַטור, אין לעבנס־שטייגער, אין דער מאָראַל און אין דענקען.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע דערשיינונג האָט אַרויס־

אַ מיליטערישן כוח מיטן אויסרייד צו גאַראַנטירן אַ שלום־צושטאַנד און צו פאַרמיידן אַ בלוט־פאַרגיסונג.

דער אויספיר פון אַזאַ פּראָפּאָזיציע איז, אַז רוסלאַנד איז דער אַלער־לעצטער גאַראַנטאָר פאַר דער עקזיסטענץ פון דער ייִדישער מדינה און דער פּאַראַדאָקס פון דער פּראָפּאָזיציע איז, אַז רוסלאַנד שטייט אין דער שפּיץ פון דער מחנה וואָס באַלאַגערט מדינת ישראל.

די אַמעריקאַנער פּאָליטישע ליניע כלפּי ישראל איז נישט ווייניקער ציניש און היפּאָקריטיש.

די טרומאַן אַדמיניסטראַציע איז געווען קעגן דער עקזיסטענץ פון דער ייִדישער מדינה — ווייל זי האָט גע־האַלטן, אַז דער מיטעלער מזרח דאַרף געהערן צו דער ענגלישער השפעה־ספערע. זיי האָבן זיך איינגערעדט, אַז היות רוזוועלט האָט פאַראַטן און אויסגעליפערט גאַנץ צענטראַל אייראָפּע צו סטאַלינען — וועט רוסלאַנד מסכים זיין אויף דער ווייטערדיקער קאָלאָניאַלער הערשאַפט פון ענגלאַנד אינעם מיטעלן מזרח. — ענגלאַנד וועט פאַר־בלייבן אינעם מיטעלן מזרח אויפצופאַסן, אַז די אויל קאָמ־פּאַניעס, די אַמעריקאַנער אַראַמקאָ, עקסאָן, סטאַנדאַר און בריטיש פּעטראָליום זאָלן רואיק שעפּן אויל און פאַר־קויפן ביליקן אויל צו דער מערב־וועלט.

דאָס איינגלידערן אַ ייִדישע מדינה אין דעם מיטן פון דער אַראַבישער וועלט, וועט נאָר גורם זיין קאָנפליקטן וואָס קאָנען שטערן די עקספּלאָאַטאַציע און צופיר פון אויל פאַר דער מערב־וועלט.

ס'איז וואַרשיינלעך נישט אויסגעשלאָסן, אַז הינטער די קוליסן איז צוגעגרייט געוואָרן אַ טייוולאָנישער פּלאַן.

ענגלאַנד וועט דעם 15טן מאַי 1948 ארויסגיין פון פּאַ־לעסטיין מיט דער פראָנט־טיר און באַלד וועט זי צוריק אריינגיין דורך דער הינטער־טיר.

אין טראַנסיאָרדאַניע האָט געהערשט אַבדולאַ — אַן ענג־לישע מאַריאָנעטקע. אין דער שפּיץ פון זיין אַרמיי איז געשטאַנען אַ פּראָפעסיאָנעלער ענגלישער גענעראַל סער דזשאָן באָגאָט, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן גלאָב פּאַ־שאַ. דער אַראַבישער לעגיאָן, דער שטאַרקסטער אַראַבי־שער מיליטערישער כוח אונטער דעם פּראָפעסיאָנעלן גע־נעראַל גלאָב פּאַשאַ וועט ליקווידירן דעם קליינעם ישוב און די אַספּיראַציעס פאַר אַ ייִדישער מדינה און ענגלאַנד וועט צוריק הערשן אויף דעם גאַנצן געביט. אַ, אין קאָן שטייט דער ישוב פון אַ האַלבן מיליאָן ייִדן? וואָס שפּילט דאָס פאַר אַ ראָל — נאָך אַ האַלבער מיליאָן ייִדן, וועט דאָס זיין צוזאַמען זעקס און אַ האַלבן מיליאָן. ס'וועט גיין אויפן חשבון פון היטלערן...

אין יענע צייטן איז די עקזיסטענץ פון דער ייִדישער מדינה געווען קעגן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דער מערב־וועלט (לויט דעם, ווי די מערב־וועלט האָט דעמאָלט געזען אירע נאַציאָנאַלע אינטערעסן).

דער אימפּעראַטיוו צו באַשיצן די אייגענע נאַציאָנאַלע אינטערעסן אין אַ געענדערטער געאָפּאָליטישער לאַגע — אַן ערך צוואַנציק יאָר שפּעטער, האָט מיט זיך געבראַכט אַן ענדערונג אין דער אַמעריקאַנער פּאָליסי כלפּי ישראל.

די הײַנטיקע אַמעריקאַנער פּאָליטישע ליניע שטאַמט פון דער דזשאָנסאָן אַדמיניסטראַציע. דער ווענדפּונקט איז געווען די 6־טאָגיקע מלחמה. די אַמעריקאַנער אַדמיניסט־ראַציע האָט זיך אויפגעוועקט און פּלוצים דערזען, אַז ענגלאַנד איז אין דרויסן און סאָוויעט רוסלאַנד איז אינעווייניק.

אַלזשיריע, ליביע, עגיפּטן, סיריע, איראַק, דרום תימן — אומעטום זענען יד רוסן. — דזשאָנסאָן האָט פאָרמו־לירט זיין נייע פּאָליטיק אויף דער באַזע, אַז נאָר דורך אַ שטאַרקער האַנט, דורך אַ פולער אונטערשטיצונג פאַר דער עקזיסטענץ פון ישראל קאָן אמעריקע דערגרייכן אירע צילן. מיט איין שטאַרקער האַנט האָט ער אָנגעהויבן צו שטיצן ישראל און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער גע־שיקט סיגנאַלן צו די אַראַבער. די סיגנאַלן זענען געווען: „אַראַבער זעט איין, רוסלאַנד פאַרקויפט אייך געווער פאַר מלחמות, וואָס רואינירן אייך. רוסלאַנד איז נישט אינטע־רעסירט אין אייער נצחון. אויך מיר אַמעריקאַנער ווען נישט צולאָזן, אַז איר זאָלט רעאַליזירן אייער האָפענונג פאַר אַ פולשטענדיקן נצחון איבער ישראל. אָבער אויב איר אַראַבער וועט זיין גוט און פרום און פּטור ווערן פון די רוסן — וועלן מיר אייך העלפן צו דערגרייכן אַ טיילווייזן נצחון. מיר וועלן דריקן און פּרעסן ישראל, זי זאָל אייך צוריקגעבן די פאַרלוירענע טעריטאָריעס אָן אַ שאָס פּול־ווער. — „דער שליסל ליגט אין וואַשינגטאָן“.

די דאָזיקע פּאָליסי ווערט אָנגעווענדט ביזן הײַנטיקן טאָג.

אמעריקע וויל און וועט פּרעסן ישראל זי זאָל צוריק־געבן אַלע טעריטאָריעס און זאָל מסכים זיין אין אַ סאָרט פון אַ פּאַלעסטינער מדינה.

אָבער די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל איז געוואָרן דער ווינקלשטיין פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק אינעם מיטעלן מזרח.

די טעמים זענען: 1) דורך די ישראל קאָנצעסיעס וויל אַמעריקע אויסשפּרייטן איר השפעה און געפינען חן אין די אויגן פון די אַראַבער.

2) די עקזיסטענץ פון דער ייִדישער מדינה איז לעבנס־וויכטיק פאַר אַמעריקע צוליב דעם ענערגיע־קריזיס און דעם כאַאָס אינעם מיטעלן מזרח.

אַמעריקע ווייסט, אַז סוף־כל־סוף וועט זי זיין געצוווּנ־גען אריינצושיקן מיליטער, כדי צו פאַרזיכערן מיט כוח דעם כסדרדיקן צושטעל פון אויל. ישראל איז דאָס איינ־ציקע אָרט, ווו די אַמעריקאַנער אַרמייען וועלן קאָנען לאַנדן. זיי וועלן מוזן לאַנדן. און פון נגב וועלן זיי זיך קאָנען אויסשפּרייטן ביז צום פּערסישן גאָלף.

דער פּרעמיער־מיניסטער מנחם בעגין האָט דאָס קלאָר און דייטלעך לעצטנס אויפגעקלערט פאַר אַ דעלעגאַציע פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס, וואָס האָט באַזוכט ישראל. קלאָרע דבורים: דער גאַנצער מיטעלער מזרח איז אין אַ כאַאָס, וואָס באַדראָט די עקזיסטענץ פון דער מערב־וועלט. אמעריקע באַזיצט קאָלאָסאַלע אַטאָמיש געווער, וואָס זי קאָן נישט אויסנוצן כדי צו באַשיצן אירע לעבנס־

# פּראָפּאָזיציעס און פּאַראַדאָקסן

דר. מ. פּערשטענדיק

פּראָפּאָזיציעס פון פונדאַמענטאַלן כאַראַקטער דערמעגלעכן צו פאַרשטיין די טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען אין די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען צווישן פעלקער. נאָר ווען די פונדאַמענטאַלע פּראָפּאָזיציעס זענען קלאָר, קאָן מען פאַנאַנדערטיילן די קערנדלעך פון די פּלעוועס אין די טאָג־טעגלעכע ידיעות און קאָמענטאַרן.

ס׳אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אַז געוויסע קרייזן זענען באַהערשט פון יאוש. די רמזים אין די טאָג־טעגלעכע ידיעות, רופן ארויס אַ חשד, אַז די מערב־לענדער זענען מער נישט פאַראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל. זיי וואָלטן גערן מקריב געווען די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה פאַר זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

קעגן דעם דאָזיקן חשד און יאוש לאָמיר באַהאַנדלען די ערשטע הויפּט־פּראָפּאָזיציע: די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל ליגט נישט נאָר אין די אינטערעסן פון דער מערב־וועלט, נאָר אויך פון דער מזרח־וועלט; פון דער גאַנצער וועלט.

בכדי צו באַגרייפן די דאָזיקע פּראָפּאָזיציע, וויל איך קודם־כל ציען די אויפמערקזאַמקייט אויף דעם אַלטן ענגלישן פּאָליטישן כלל: „ס׳זענען נישט פאַראַן קיין פּערמאַנענטע אַליאַנטן. נאָר די אייגענע נאַציאָנאַלע אינטערעסן זענען פּערמאַנענט״.

לאָמיר נעמען דאָס יאָר 1947. גראָמיקאָ האָט געהאַלטן ציוניסטישע רעדעס אויף דעם פאָרום פון די פאַראייניקטע פעלקער. צי איז דעמאָלט דער יונגער גראָמיקאָ געווען אַ ציוניסט? צי איז דעמאָלט דער אַלטער רשע סטאַלין געווען אַ ציוניסט? ניין! ניין! די רוסישע ציוניסטישע רעדעס האָבן געצילט צו עטאַבלירן אַ ידישע מדינה. דאָס איז געווען אין די אינטערעסן פון סאָוויעט־רוסלאַנד.

באַלד נאָכן אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה אין 1948, האָט די טרומאַן אַדמיניסטראַציע איבערגעגעבן אַ שאַרפן פּראָטעסט צו דער רעגירונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע און געפאָדערט תיכף אָפּצושטעלן די ליפערונגען פון געווער פאַר דער באַלאַגערטער יידישער מדינה.

די טרומאַן אַדמיניסטראַציע האָט אָפּגעהיט דעם עמבאַרגאָ פון וואָפן און מאַנשאַפט־סאַנקציעס קעגן דעם קליינעם יידישן ישוב, וואָס האָט געקעמפט פאַרן נאַקעטן לעבן קעגן דער אינוואַזיע פון אַזוי פיל אַראַבישע אַרמייען.

צי איז טרומאַן דעמאָלט געווען אַן אַנטעסעמיט? ניין! די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון אַמעריקע — אַזוי ווי די טרומאַן־אַדמיניסטראַציע האָט די אינטערעסן באַנומען, זענען דעמאָלט געווען קעגן דער עקזיסטענץ פון אַ יידישער מדינה.

סטאַלין האָט געצילט צו דערגרייכן צוויי זאַכן: אַרויסשטופן ענגלאַנד און די מערב וועלט פון מיטעלן מזרח און אַליין ארײנשטעלן אַ פוס. דאָס האָט ער געוואָלט דערגרייכן דורך אַ יידישער מדינה. — ס׳איז אים טאַקע געלונגען אַרויסצושטופן ענגלאַנד, אָבער ס׳איז אים נישט געלונגען ארײנשטעלן אַ פוס אין דער יידישער מדינה.

צי האָט סטאַלין דאָס נישט פאָרויסגעזען?

אין דעם פּאָליט־ביוראָ זיצן פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקער און שטאַטסמענער. יעדע וויכטיקע דעציזיע ווערט אָנגענומען קאַלט און לאָגיש. יענע אַלטערנאַטיווע ווערט געוויגן און געמאָסטן. פאַרשטייט זיך, אַז דער פּאָליט־ביוראָ האָט גענומען אין אַכט די אַלטערנאַטיווע — אַז ישראל וועט אָננעמען אַ פּראָ מערב שטעלונג. האָבן זיי אָבער געלאַכט אין די פויסטן, זייער קאָנקלוזיע איז געווען — גם זו לטובה. דאָס וועט נאָך בעסער דינען די סאָוויעטישע אינטערעסן. ווייל: קודם־כל וועט ענגלאַנד זיין אין דרויסן, און אויב ישראל וועט ווערן פּראָ־מערב, וועט סאָוויעט־רוסלאַנד אויסדרייען דעם דישעל און ווערן פּראָ־אַראַביש — אַנטי־ישראל. דער מערב וועט בלייבן מיט דער קליינער ישראל און רוסלאַנד וועט זיך לאַנגזאַם באַפעסטיקן אין דער גאַנצער אַראַבישער וועלט.

בכדי דאָס צו דערגרייכן דאַרפן די רוסן שאַפן באַדינגונגען, אַז אַזאַ צושטאַנד זאָל ווערן פּערמאַנענט.

די רוסן ווילן שטיצן די אַראַבער קעגן ישראל און זיי פאַרקויפן וואָפן, אָבער גלייכצייטיק ווילן זיי האַלטן די האַנט אויף דעם פּאָליטיש־מיליטערישן פּולס — אַז די אַראַבער זאָלן חלילה נישט אומברענגען די יידישע מדינה, ווייל אויב ס׳וועט די אַראַבער געלינגען צו פאַרניכטן ישראל ווילן דאָך די אַראַבער מער נישט באַדאַרפן די רוסן.

דאָס איז די צינישע, היפּאָקריטישע שפּיל פון דער רוסישער פּאָליטיק.

זיי העצן די אַראַבער צו אַ מלחמה, פאַרקויפן זיי וואָפן, אָבער גלייכצייטיק זענען זיי צופרידן, אַז דער מערב העלפט ישראל מיט קעגנמיטלען. רוסלאַנד איז ממש גליקלעך, וואָס פון צייט־צו־צייט דערלאַנגט ישראל די אַראַבער שווערע קלעפּ, ווייל דאָס מאַכט די אַראַבער נאָך מער אָפּהענגיק פון די רוסן.

זיי ווייסן: וואָלט די ידישע מדינה אויפגעהערט צו עקזיסטירן, וואָלט דער פאַנאַטיש רעליגיעזער גאַדאַפי גלייך אָפּגעהאַקט זיינע באַציאונגען מיט רוסלאַנד. דאָס זעלבע וואָלטן געטאָן די אַנדערע אַראַבישע מדינות און אפילו יאַסער אַראַפאַט.

די דאָזיקע אַרגומענטאַציע צווינגט אונדז צו אַ ווייטערער פּראָפּאָזיציע: „ווען אין פאַל פון אַ מלחמה וואָלט (צוליב נישט פאָרויסגעזעענע סיבות איינשליסנדיק אַ פאַראַט פון דער מערב־וועלט) די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה געשטאַנען אין לעבנס־סכנה — וואָלטן די רוסן ווידער אויסגעדרייט דעם דישעל און שנעל „אינטערווענירט מיט יעדן נויטיקן כוח צו ראַטעווען די יידישע מדינה״. — לאָגיש גענומען וואַרטן די רוסן אויף אַזאַ צושטאַנד, ווייל דאָס וואָלט פאַר זיי געווען דער גרעסטער געווינס. זיי וואָלטן מיט כוח איינגעשטעלט אינעם מיטעלן מזרח דעם „פּאַקס סאָוויעטיקאַ״. איינגעשטעלט דאָרט

„וואָס פאַראַ פּערספּעקטיוו איז עס פאַר אונדז אַלעמען: אַ פאַרצייטיקער צוויטראַנגיקער פילם־אַרטיסט מיט דריי־ראַנגיקע אידייען, איז די איינציקע ברירה קעגן אַ וואַקלדיקן פּרעזידענט, וועלכער טוט אָנבאָטן ערנסטן גוטן ווילן און גאָר ווינציק עפּעס מער".

פּרעזידענט קאַרטערס רוף צו באָיקאָטירן די אָלימפּיאַדע אין מאָסקווע, איז אָן שום ספק אַן אַקט פון מאָראַלישער דערהויבנקייט; אַ דעמאָנסטראַציע פון עטישע פּרינציפּן. די לאָגישע קאָנסעקווענץ האָט געדאַרפט זיין: די מערב־מלוכות זאָלן זיך אָנשליסן אין דעם רוף און זאָלן אַרויסטרעטן ווי אַ פאַראייניקטער פראָנט, קעגן אַן אַגרעסאָר.

צום באַדויערן, האָט אַמעריקע געמוזט אָנווענדן פּאָליטישן דרוק, כדי צו איבערצייגן די לענדער אין דער ריכטיקייט פון אַזאַ שטעלונג. צום סוף האָבן איניקע מערב־לענדער זיך סיי ווי אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין באָיקאָט.

עס איז פאַר אונדז אַ קנאַפּע טרייסט, אַז אויך דער מזרח האָט נישט קיין פירנדיקע פּערזענלעכקייטן. דער מזרח האָט אָבער אַ פירנדיקע אידעאָלאָגיע, דער טשוואַק פון וועלכער איז: פאַרניכטונג פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן סיסטעם אויף וועלכן עס באַזירט זיך די דעמאָקראַטישע אָרדנונג פון מערב. אַ געניטער פירער וועט עס מאַכן געשיקטער; אַ דורכשניטלעכער פירער — מער אומגעלומפּערט. דער סך־הכל איז אָבער דער זעלבער.

מער ווי ווען נישט איז, נויטיקט זיך דער אַכטער יאָרצענדליק פון אונדזער צייט אין אַ פּרעסטיזשפולער, פירנדיקער פּאָליטישער פּערזענלעכקייט.

## נקמה

צווישן טעראָר און קאָנטער־טעראָר — געפינט זיך די לעגאַלע יוריסדיקציע, דער מלוכישער אַפּאַראַט — דער סיסטעם וואָס דאַרף פאַרזיכערן רו און אָרדנונג אין לאַנד; דאַרף פאַרזיכערן דאָס לעבן און אייגנטום פון פרידלעכן בירגער.

פאַר דער דאָזיקער שווערער אויפגאַבע שטייט היינט די רעגירונג פון מדינת ישראל.

דער פאַרברעכערישער טעראָר פון דער פּ.ל.אָ., וועלכע באַקומט וואָס אַמאָל מער און מער אָנערקענונג ביי די אייראָפּעישע מלוכות, און דעריבער — מער און מער חוצפּה ביים דורכפירן טעראָר־אַקטן.

די רעאַקציע אויף די האַנדלונגען, ספּעציעל — ווען די מערדער ווערן נישט געכאַפּט (ווי אין ברוטאַלן איבערפאַל פון חברון, וואָס האָט געקאָסט דאָס לעבן פון 6 יידישע בחורים, און אַ וואָך פריער — דער מאָרד פון אַן איינצלנעם בחור) רופט ארויס אַנטוישונג אין נאָרמאַלן פּראָצעס פון יוריסדיקציע. דער פּראָצעס באַוועגט זיך, ווי אַ כלל — לאַנגזאַם. דעריבער רופט עס אַרויס פאַרביטערונג און אומגעדולד. דעם טרויעריקן רעזולטאַט דערפון האָבן מיר געזען אין די פאַרגאַנגענע וואָכן: 2 אַראַבישע בירגערמייסטערס און אַ ישראל־אָפיציר זענען שווער פאַרווונדעט געוואָרן.

לאָמיר האָפן, אַז דער פאַל פון קעגן־טעראָר וועט זיך נישט איבערחזרן — הגם אינגאַנצן זיכער זענען מיר נישט. נקמה איז איינע פון די נעגאַטיווע שטריכן פון מענטשלעכן כאַראַקטער, וועלכע לאָזן זיך נישט אַזוי לייכט אויסוואָרצלען. יאָרהונדערטער פון קולטור און ציוויליזאַציע האָבן עס בלויז איזאָלירט. עס איז נויטיק אַ גאָר קליינער אימפּולס, עס זאָל צוריק ווערן די טרייב־קראַפט פאַר מענטשלעכע האַנדלונגען.

פון די אוראַלטע, ביבלישע צייטן איז צו אונדז דערגאַנגען דער זאָג: עין תחת עין (אַן אויג פאַר אַן אויג), ווייזט אויס, אַז דאָס געפיל פון רעוואַנזש איז אַזוי אַלט, ווי דער מענטש גופא. (איז דאָך רעוואַנזש געווען איינע פון די עמאָציעס וואָס האָבן באַרעכטיקט אין די אויגן פון דייטשן פאָלק דאָס אָנהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה).

ווען מיר פּרוּוון צונויפשטעלן די קורצע צייטונגס־ידיעות פאַר די לעצטע וואָכן, באַקומט זיך אַ בילד, וואָס קאָן אָנפילן מיט אומרו.

„ישראל־פּאָליציי האָט אַנטדעקט אַן אַרסענאַל מיט געווער און אויפרייס־מאַטעריאַל אויפן דאַך פון אַ ישיבה אין ירושלים. 2 ישראל־זעלנער זענען אַרעסטירט געוואָרן אונטערן פאַרדאַכט, אַז דאָס געווער איז געגנבעט געוואָרן פון אַ מיליטערישן לאַגער.

„הרב מאיר כהנא'ס באַוועגונג 'כך' לאָזט פון זיך הערן. כהנא האָט אַ נדר געטאָן נוקם צו זיין זיך פאַרן טויט פון 7 בחורים אין חברון. צוליב דער דערקלערונג האָט אים די פּאָליציי פאַרהאַלטן".

„עס זענען דאָ סימנים, אַז די אויטאָ־באָמבעס האָבן פאַרלייגט יידן. מ'דערקענט עס לויטן כאַראַקטער פון אויפרייס־מאַטעריאַל, פון דער מאָדערנער טעכניק, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן".

צוויי אונטערגרונד־גרופּן האָבן זיך אידענטיפיצירט, אַז זיי עקזיסטירן: קעמפער פאַר פרייהייט פון ישראל־טעראָר קעגן טעראָר, און „די זין פון ציון".

קענען טעראָר — און קעגן טעראָר לייזן פּראָבלעמען, איבערהויפּט פון אַזאַ קאָמפּליצירטן כאַראַקטער ווי דאָס פּאַלעסטינער פּראָבלעם? עס גלויבט זיך קוים — אַז ביידע צדדים פאַרשטייען עס נישט.

בלייבט בלויז צו האָפן, אַז די ישראלדיקע זיכערהייטס־אָרגאַנען וועלן האָבן גענוג כוח די טעראָר־כוואַליע צו צוימען.

**מ. א.**

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

יוני־יולי 1980 נומער 3 (23) מעלבורן, אויסטראַליע

# פּאָליטישע פּערספּעקטיוון

די וועלט — כאָטש דער שטח פון איר אויסמעסט איז דער זעלבער פון קדמונים — ווערט זי אָבער, אין זין פון פּאָליטישע אויסווירקונגען, וואָס אַמאָל מער איינגע־שרומפּן, ענגער. מיר שפּירן שאַרף אָפּ פּלוצלינגדיקע פּאָ־ליטישע ענדערונגען — אָן אונטערשיד וויפיל טויזנ־טער קילאָמעטער מיר זענען פון זייער צענטער. אפילו ווען די קאַרטאָגראַפן פון דער פּאָליטישער מאַפּע פון דער וועלט האָבן איר איינגעטיילט אין דריי ספערן: מזרח; מערב און נייטראַל — איז קיין איינע פון די ספערן נישט אימון פון די מיטאַמאָליקע אויפטרייסלונגען, רעזשים־ענ־דערונגען; גרענעץ־אינצידענטן אָדער טעראָר־אַקטן.

דער סאַמע נאָענטסטער און סאַמע בולטסטער פאַל איז — דאָס באַזעצן פון סאָוויעטיש מיליטער אַ לאַנד, וואָס איז נישט נאָר ווייט פון אונדז אין שטח, נאָר ווייט קול־טורעל; גייסטיק; שפּראַכלעך. דאָך ווערן מיר אריינגע־צויגן אין די אויסווירקונגען פון דעם דאָזיקן אריינמאַרש, אפילו אויב עס האַנדלט זיך בלויז פון באָיקאָטירן די אָלימפּישע פאַרמעסטונגען אין מאָסקווע. מענטשן וואָס האָבן אַ קנאַפּן שייכות מיט און אינטערעס פאַר ספּאָרט, ווערן אריינגעצויגן אין דעם ענין דורך די כסדרדיקע דיס־קוסיעס אויף די שפּאַלטן פון דער פּרעסע און ראַדיאָ און טעלעוויזיע; דערקלערונגען פון פּרעמיער־מיניסטער; דערקלערונגען פון דער אָפּאָזיציע; רעזאָלוציעס פון די פּראָפ. פאַריינען. דאָס גאַנצע לאַנד איז געוואָרן באַווירקט פון דער געשעניש — אַפגאַניסטאַן.

אין דער דיסקוסיע ווערן שוין באַרירט פראַגן, וואָס גרייכן טיפער פון — ווער וועט בעסער וואַרפן אַ באַלעם, אָדער שפּרינגען אַ צענטימעטער העכער, אָדער לויפן שנעלער מיט אַ צענטל פון אַ סעקונדע — מען הויבט אָן טראַכטן: דאַרף דער מערב איבערהויפּט באַזאָרגן דעם מזרח מיט שפּייז; מיט טעכנאָלאָגיע; דאַרף מען מיטן מזרח פירן אַ קולטור־אויסטויש; פירן פאַרהאַנדלונגען וועגן אַנטוואָפענונג; העלפן מיר נישט אַמאָל דירעקט און אומ־דירעקט אויפשטעלן אַ גולם, וואָס וועט הייבן די האַק קעגן מערב?

אַ צווייטער ביישפּיל: די אַמעריקאַנער ערובניקעס אין איראַן.

דאָס באַזייטיקן דעם שאַך — פּלוס דאָס פאַרכאַפּן 53 אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן, וועלכע מען האַלט שוין זיבן חדשים געפאַנגען. די אויסווירקונג פון דער געשע־עניש פילט מען אָפּ אין אַזאַ ווייט לאַנד (געאָגראַפיש ווייט ווי יאַפּאַן.

מען קאָן די רשימה פון פאָרפאַלן פאַרגרעסערן פיל־פאַכיק. עס וואָלט אונדז אָבער געבראַכט צו דעם אייגענעם אויספיר.

מיר פרעגן זיך אָפּט: ווו זענען געווען די פירער פון אַמעריקע, האָבן זיי דען נישט געקאָנט פאָרויסזען די גע־שעענישן אין איראַן? אין וויעטנאַם? אין קובאַ? אין אַפריקע?

טייל מאָל באַמערקן מיר, אַז זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן כמעט נישט קיין צוטריט צו געהיימע ידיעות פון אויסשפּיר־דינסט, נאָר באַזירן זייערע אויספירן אויף פּאָ־ליטישער דערפאַרונג און לאָגיק — זאָגן פאָרויס די אַנט־וויקלונג פון געשעענישן מיט פּרעציזקייט. דעמאָלט ווען מלוכה־מענער — וועלכע דיספּאָנירן מיט דער מעגלעך־בעסטער אינפאָרמאַציע — בלייבן הינטערשטעליק.

די הויפּט־סיבה דערפון, לאָזט זיך שוין באַמערקן אין משך פון יאָרן: עס פעלן היינט אין דער וועלט־פּאָליטיק פירנדיקע פערזענלעכקייטן.

די לעצטע יאָרצענדליקער האָבן געגעבן דער מענטש־הייט געניאַלע דערפינדער; וויסנשאַפטלער; מעדיצינער, עקספּערטן אין טעכנאָלאָגיע. אויף צוויי געביטן האָבן אָבער די יאָרצענדליקער אַנטוישט: אין ארויסברענגען פּאָזיטיווע אידעאָלאָגן און אידעאַליסטן; אין באַזאָרגן די פעלקער (אָן אונטערשיד פון וועלכע פּאָליטישע ספערע) מיט פירנ־דיקע פערזענלעכקייטן.

אַלס די בעסטע אילוסטראַציע קאָן דינען אַמעריקע. אין נאָוועמבער ה. י. וועלן אין אַמעריקע פאָרקומען פּרעזי־דענט־וואַלן. פון די ערב־וואַל פאַרמעסטונגען האָבן זיך ארויסגערוקט אין פאָדערגרונט צוויי וואַרשיינלעכע קאַנ־דידאַטן: קאַרטער (דעמאָקראַטן) און ריגען (רעפּובלי־קאַנער).

ביז גאָר ריכטיק שאַצט אָפּ די לאַגע דער מעלבורנער „העראָלד" פון 29טן מאי ה. י.

# ישראל בערקאָוויטש

## (צו זיין קומענדיקן באַזוך אין אויסטראַליע)



ישראל בערקאָוויטש

דער דוד הערמאַן טעאַטער ביי דער „קדימה" קלויבט זיך היי־יאָר אָפּצייכענען אַ גאָר וויכטיקע דאַטע אין אויסטראַלישן יידישן לעבן — 70 יאָר יידיש טעאַטער.

דער דוד הערמאַן טעאַטער צוזאַמען מיט דער „קדימה" האָבן אויסגעאַרבעט אַ געמיינזאַמען פּלאַן, ווי אַזוי די דאָזיקע דאַטע אָפּצומערקן.

עס איז פאָראויסגעזען אַ טעאַטער־אויסשטעלונג, יובל־אַקאַדעמיע און דער עיקר: אַ ספּעציעלע טעאַטער אויפפי־רונג צוגעפּאַסט צו דער דאָזיקער דאַטע.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַראָפּברענגען אַ גאַסט־רעזשיסער, וועלכער זאָל צוהעלפן אַדורכפירן דעם אָנגע־מערקטן פּלאַן.

נאָך לענגערע זוכענישן און פאַרהאַנדלונגען האָט זיך די אָנפירונג פון דוד הערמאַן טעאַטער אָפּגעשטעלט אויף דער פּערזאָן פון ישראל בערקאָוויטש פון רומעניע, ווו דאָס וויגעלע פון יידישן טעאַטער איז געשטאַנען און ווו עס איז איצט פאַראַן אַ סטאַביל יידיש טעאַטער, אַ מלוכה־טעאַטער, וואָס איז ממשיך און שמידט די רינגען אין דער גאָלדענער קייט אַ צוויטן יאָרהונדערט.

ישראל בערקאָוויטש ווערט דערוואַרט אין מעלבורן סוף יולי ה"י.

אחוץ דעם, וואָס ישראל בערקאָוויטש איז דער דירעק־טאָר און רעזשיסער פון בוקאַרעשטער יידישן מלוכה־טעאַ־טער, איז ער אויך אַ פיינער דיכטער, שרייבער און טאַלאַנטפולער לעקטאָר.

אַזוי אַרום, אַז חוץ זיין טעאַטער־טעטיקייט וועט ער אויך אַרויסטרעטן אין „קדימה" אויף לעקציעס און פאָר־לעזונגען.

בערקאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין 1921 ביי א פּאָ־טער אַ שניידער (פּונקט ווי איציק מאַנגער) אין דער שטאָט שאַטאַשאַן, אין צפון פון דער רומענישער מאָלדאַוויע.

אין דער צייט פון דער נאַצישער הערשאַפט, איז ער געווען פינף יאָר אין אַ צוואַנגס־לאַגער אין דער פאַרנו־מענער בעסאַראַביע.

נאָך דער מלחמה, אין די יאָרן 1949 ביז 1955 איז ער רעדאַקטאָר פון „איקוף־בלעטער" אין בוקאַרעשט.

פון 1953 ביז 1955 פאַרנעמט ער דעם פּאָסטן פון איינעם פון די רעדאַקטאָרן פון די ראַדיאָ־זענדערס קיין אויסלאַנד — ספּעציעל אין יידיש.

פון 1955 ביז היינט־צו־טאָג, איז זיין באַשיידענער אָפיציעלער טיטל „ליטעראַרישער דירעקטאָר פונעם יידישן מלוכה־טעאַטער" — אָבער ער איז אויך דער שריי־בער און רעזשיסער. ער איז דער לעבעדיקער גייסט פונעם טעאַטער, וואָס שטייט אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ.

ישראל בערקאָוויטש האָט אויפגעפירט אַ גאַנצע ריי פאַרשטעלונגען, וואָס זייער עיקרדיקער אינהאַלט איז יידישער פאָלקלאָר.

אויסער זיין טעאַטער־טעטיקייט, האָט בערקאָוויטש ביז איצט דורכגעפירט איבער 100 „פּרימאָרגנס", וועגן פּאָ־עזיע, ליטעראַטור און יידישן טעאַטער, וועלכע זענען באַ־זוכט געוואָרן פון איבער 25 טויזנט צוהערער — א צאָל, וואָס וואָלט נישט פאַרשעמט אַ סך גרעסערע קיבוצים.

בערקאָוויטש איז אויך אַ פאָרשער פון דער געשיכטע און פּראָבלעמען פונעם יידישן טעאַטער און אים געהערן די אַלע אַרטיקלען וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די זאַמלונגען פונעם אינסטיטוט פאַר קונסט, ארויסגעגעבן פון דער רומענישער אַקאַדעמיע פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן.

זיין פּריוואַטע ביבליאָטעק פאַרמאָגט אַ סך יקר־המציאות'ן וועלכע אפילו די רייכע ביבליאָטעק פון ייוו"אָ פאַרמאָגט זיי נישט. ער איז אַ בקי אין די יידישע אוצרות פון אַלע דורות און איז אויך נישט ווייניק באַקאַנט מיט דער העברעישער ליטעראַטור; מיט דער אַלטער און אויך דער נייער און רעדט אַ פליסיקן עברית.

מיר דאָ אין אויסטראַליע האָפן, אַז דער באַזוך פון ישראל בערקאָוויטש וועט אַריינברענגען אַ יום־טוב'דיקייט אין היגן יידישן לעבן.

ר—פּ

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאַלט:


מ. א. — פּאָליטישע פּערספּעקטיוון: נקמה . . . . . . . . 1

דר. מ. פּערשטענדיק — פּראָפּאָזיציעס און פּאַראַדאָקסן . . . . . . . . 3

י. ראָטנבערג — דער דערציאונגס-קריזיס און טראַדיציע . . . . . . 5

שמעון אָרענשטיין — אַ רירנדיקע באַגעגעניש פון יידישע רויטאַרמייער מיט שארית הפליטה . . . . . . . . . . 7

וו. יאַבלאָנסקי — קאַטין . . . . . . . . . . . . 9

חיים מאַלטינסקי — אין נתניה'ער פּאַרק (ליד) . . . . . . . . . 11

י. מ. לעווין — אדם טענהט זיך אוים מיטן רבונו של עולם (פּאָעמע) . . 12

מאיר זייבל — אַן אַלטער בוך מיט לידער (ליד) . . . . . . . . . 13

ג. שאיאַק — „צווישן אַלט און ניי" . . . . . . . . . . . 14

שרה'לע זילבערמאַן — געמיינט (דערציילונג) . . . . . . . . . 15

לאה זילבער — אויפן וועג „אהיים" . . . . . . . . . . . 18

מ. אייזענבוד — דער זין -- פון זיין — (דערציילונג) . . . . . . . . 20

בריוו אין רעדאַקציע — . . . . . . . . . . . . . . 23

דערקלערונג פון אַרבעטער-רינג . . . . . . . . . 23


פּרייז 1 דאָלאַר


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 3 [23] יוני—יולי 1980